זשעלעכאווער בולעטין

VOL.III NOS.1 & 2. CHICAGO 24, ILLINOIS, JAN.- FEB. 1951

דריטער יאָר גאנג נומער 2-1 יאנואר-פעברואר 1951.

צום נייעם יאָר

חשובע פריינט.
מיר קענען ניט זאָגן, אז מיר זיינען צופרידן פון פארגאנגענעם יאָר. מיר האָבן ניט געטאָן אלץ וואס מיר האָבן געקאָנט. זייער פיל איז פארנאכלעסיקט געוואָרן. ניט אלע גרופעס און יחידים האָבן זיך ווי געהעריק, באטייליקט און געטאָן אלץ וואס זיי האָבן געקאָנט.
מיר פארשטייען גאנץ גוט, אז די טאָג־טעגלאכע זאָרג און קאָפ דרייעניש וואס יעדער פון אונז האָט אין זיין פריוואטן לעבן, דערלאָזן ניט, אפט אָפצוגעבן צופיל צייט אף געזעלשאפטלאכע ארבעטן. זעען מיר, מאקע, אז די וויכטיקסטע אקציע, די ישראל קאמפאניע, איז געווען א דורכפאל.
לאמיר, חשובע פריינט, דאָס צוגעבן, מעג דאָס אונז ווי טאָן. כאפט א בליק אף דער ליסטע פון די באטייליקטע יחידים און גרופעס, און איר וועט זען, אז מיר האבן ווייט ווייט ניט צופיל דערגרייכט.
ישראל און פוילן זיינען פאר אונז די צוויי וויכטיקסטע צענטערס וואו מיר דארפן העלפן, אָפגעזעען וואס אונזער פאָליטישע איינשטעלונג זאל ניט זיין. מיר האָבן אין אונזער הילפס ארבעט קיינמאָל ניט געשפילט קיין פאָליטיק, און מיר וועלן דאָס ווייטער ניט טאָן.
מיר האָבן, און מיט רעכט, שטענדיק געהאלטן, אז יעדער איינער האָט א פולשטענדיק רעכט צו באשטימען וואו ער וויל בלייבן, דאָרט וואו זיין הארץ גלוסט. מיר האָבן ניט קיין שום מאָראלע רעכט עמיצן א דעה זאָגן. מיר דארפן און

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

מוזן העלפן יעדן אײנעם װאָס נויטיקט זיך אין אונזער שטיצע. לאָמיר דאס גוט געדײנקען.

פרײנט לײבוש האָט פארגעשלאָגן, אז אָפיציעל זאָל די הילפס-ארבעט אָפגעשטעלט װערן. דאָס מײנט ניט, אז מיר װעלן זיך אָפזאָגן צו העלפן אונזערע חברים און פרײנט, װאָס נויטיקן זיך אין א ברידערלאכע האנט. נײן. דאס טאָר, בשום אופן, אזוי ניט פארשטאנען װערן. דאָס איז צו עלעמענטאר, אז מיר זאָלן דארפן װעגן דעם פארלירן רײד.

אגב, װילן מיר טאקע הערן װאָס איר, ליבע פרײנט, װאס איר דײנקט װעגן דעם.

יזכור בוך

דער יזכור בוך דארף זײן א מאָנומענט, ריזיקע מצבה, אף דעם זשעלעכאָװער בית עולם. דאָרט װאו אונזערע נאָנסטע און טײערסטע האָבן אויסגעהויכט זײער לעצטן אָטעם.

נאָכאמאָל, דאָס איז שוין ניט קײן לאָקאלער ענין בלויז, נאָר די פארײביקונג פון א שטיק ײדיש לעבן װאָס װעט שוין קײנמאָל מער ניט צוריקומען. אן אָפגעשניטן בלוטיק קאפיטל ײדיש לעבן. מוזן מיר, דעריבער זעען צו מאכן פון יזכור-בוך א װיכטיקע געשײעניש אין דעם ײדישן לעבן.

מיר װילן באקענען דער ברײטער ײדישער עפנטלאכקײט, מיט אלץ װאס אונזער קלײן שטעטעלע האט ארויסגעגעבן. און מיר װילן אויך אינספירירן אונזערע פרײנט װײטער אָנצוגײן מיט אונזער הײליקער ארבעט.

ביכער פאָנד

אונזערע שרײבער דארפן ניט קײן הסכמה אָדער רעקלאמע. זײ זײנען טאלאנטפולע אָנגעזעענע ײדישע שעפער, קינסטלער, איטלאכער אף זײן אײגענעם יחידישן אופן. עס איז פאר אונז אן אמהער שטאָלץ זײ צו האָבן אין אונזער משפחה. מיר גרויסן זיך מיט זײ. און מיט רעכט. דער בעסטער און פײנסטער אופן װי אזוי ארויסצוװײזן אונזער רעספעקט און ליבשאפט, איז העלפן ארויסגעבן זײערע שאפונגען, זײערע װערק.

אונזערע שרײבער שעפן זײער מאטעריאל, ציען זײער יניקה, פון אונזער אומגעקומענעם שטעטל. און דערמיט פארײביקן זײ אונזערע טײערסטע און ליבסטע אין אונזער לעבן.

פאראן אביסל לאָקאלער פאטריאָטיזם אין דעם. מיר װילן װײזן דער װעלט אונזער גײסטיקן אוצר. מיר זײנען שטאָלץ מיט דעם. װילן מיר, דעריבער, אז איר זאָלט אונז העלפן ארויסגעבן די װערק פון אונזערע שרײבער.

אן אָנהויב איז שוין געמאכט געװאָרן. מיר גיבן ארויס

דאָס ערשטע בוך , אף פרעמדער ערד׳פון אונזער ליבן
חבר און פרײנט,ש.ברײנסקי.
מיר זײנען זיכער, אז מיט אביסל אָנשטרענגונג,קאָנען
מיר ארויסגעבן עטלאכע ביכער יעדעס יאָר. ספעציעל
איצט ,װען די הילפס ארבעט פאָדערט ניט פון אונז אזוי
פיל אָנשטרענגונג װי פריער.
זאָל שוין יעדער אײנער חבר און פרײנט אונז לאָזן װיסן,
װיפיל ביכער ער נעמט זיך אונטער צו פארקויפן.
נאטירלאך, מיר דערװארטן,אז יעדער אײנער װעט אונז
און אײך ,העלפן אין דער דאָזיקער בכבודיקער ארבעט.
יאָ, מיר קאָנען פארקויפן מינימום 1500 ביכער. עס איז
ניט קײן פאנטאזיע. מיר קאָנען דאָס טאָן,אוי מיר װילן.
פארלאָזט זיך אף די זשעלעבאָװער,זײ װעלן אונז ניט
אנטוישן
בולעטין

פארגלײכט אונזער קלײנע אויסגאבע פון 1949 ביז 1950
[illegible]ון איר װעט זעען װי װײט מיר האָבן אָפגעשפאנט.
אזעלכע נומערן, װי ברײנסקי און ספעציעל װײסנבערג
בולעטין,קאָנען זיך ניט פארשעמען מיט אלטע לאנג שוין
עקזיסטירנדע, אײנגעפונדעװעטע , זשורנאלן. דאס װײזט
אונז, װאָס װילן,גלויבן און ענערגיע קאָנען אויפטאָן.
דער בולעטין איז די פרײע טריבונע פון יעדן אײנעם פון
אונז. אלץ װאָס עס קומט פאָר , אין דעם לעבן פון אונזער
חברים און פרײנט, געפונט אן אָפקלאנג אין אונזער
בולעטין. פרײד און צער, לײדן און האָפענונג,אלץ װעט
איר געפונען אין אונזער קלײנעם שריפטל. עס איז אונזער
דורך און דורך.
מאנכעסמאָל, איז דאס אביסל צופיל לאָקאליזירט פאר א
זײטיקן מענטשן, צופיל קלײנשטעטלדיק. אָבער דאָס גיט
עס צו דעם ספעציפישן חן , דעם אײגנארטיקן אראָמאט
װאָס עס איז אונז ליב און טײער. דאס מוז װײטער אזוי
בלײבן, כדי אונז האלטן צוזאמען און נאָענט.
אָבער,װאָלט געװען א טעות צו דײנקען, אז-זײטיקע -
זאכן טאָרן ניט דערמאָנט װערן,אָדער באחאנדלט װערן
אין אונזער בולעטין.
װען מיר זאָגן,זײטיקע, מײנען מיר ,פאקטיש,פראָבלעמען
ײדישע און אלגעמײנע,װאָס האָבן ניט קײן ספעציפישן,
לאָקאלן קאָלאָריט.
מיר האלטן, אז יעדער אײנער װאָס װיל עפעס זאגן,שרײבן,
און װיל מיט זײנע געדאנקען אָנרעגן אנדערע, האָט א
פולשטענדיק רעכט דאָס צו טאָן אף די שפאלטן פון אונזער
שריפטל. ניט פארמאכן דאס מויל, נאר פארקערט, לאָזן
יעדן אײנעם קומען צום פרײען אויסדרוק. עס טאָר ניט

זײן קײן טאבו־ אף געזעלשאפטלעכע פראגן און פראָבלעמען
קײנער פון אונז, ליבע פרײנט, האָט נאָך ניט געפונען דעם
לעצטן אמת, כאָטש מיר װילן דאָס ניט צוגעבן, מאנכעסמאָל.
פאראן פיל אמתן אין אונזער לעבן. און מיר דארפן זײן
צופרידן װאָס אונזערע פרײנט שרײבן װעגן דידאָזיקע
ענינים, און רעגן אונז אָן א טראכט צו טאָן. דורך דעם
װערט אונזער בולעטין רײכער, פילפארביקער און אינטערסאנטער.

עס איז פונקט װי אן אָרקעסטער װאָס האט, א באס, פויק,
פידעלע און פײפעלע. אפילו סקריפנדע טענער, מאנכעסמאָל,
קאָנען אויף צונוצקומען, כדי צו זען דעם אונטערשיד..
לאָמיר, דעריבער, ניט קײן מורא האָבן פאר א װאָרט אָדער
געדאנק, מיט װעלכן מיר שטימען ניט אײן. לאָמיר ניט קײן
מורא האָבן טאָמער װעלן מיר, חלילה, פארפירט װערן..
פארקערט, די רײד פון א קעגנער, אויב אומגערעכט, װעלן נאך
מער פארשטארקן דעם גלויבן אין אונזער אידײע. און אויב
דער קעגנער איז גערעכט, לוינט זיך א טראכט צו טאָן װעגן
זײנע געדאנקען. אפשר דארפן מיר איבערקאָנטראָלירן און
איבערטראכטן, כדי צו קומען צו נײע אויספירונגען. און
דעריבער, זען מיר בלויז נוצן פון א פרײען אויסטויש
פון מײנונגען און געדאנקען. אנשטאט, דעריבער, שרײבן
פריװאטע בריװלאך מיט טענות, שרײבט אָן עפעס פארן
בולעטין, און מיר װעלן דאָס מיט פארגעניגן אָפדרוקן.
מיר לאנדסלײט, דארפן זײן שטאָלץ, װאָס ניט קוקנדיק אף
די פארשידענע פאָליטישע מײנונגען און שאטירונגען, װאָס
זײנען פאראן צװישן אונז, זײנען מיר אלע פארײניקט אף
דעם געביט פון הילפסארבעט, העלפן אונזערע שטעלן זיך
אף די פיס און צוריקקריגן די מענטשלעכע װירדע.

אונזער לײבוש , איז אָפגעפאָרן קײן פראנקרײך און ישראל
װאו ער װעט זיך באקענען אף דעם פלאץ
מיט דעם לעבן און באדינגונגען פון אונזערע נאָנסטע.
װילן מיר אים װאונטשן, א הארציקן פאָר געזונט און קום
געזונט. און לאָמיר האָפן, אז ער װעט צוריקקומען א באנײטער
און דערפרישטער, און מיט מער ענערגיע זיך װידער װידמען
אונזער הײליקער ארבעט.

לאָמיר, טײערע פרײנט, מאכן דאָס יאָר 1951 א יאָר פון
אינטענסיװע ארבעט אף אלע געביטן, סאָציאלע און קולטורע־
לע, װאָס װעט צוגעבן כבוד און פרעסטיזש אונזער געזעל.
װי אויך יעדן אײנעם פון אונז.

צו דער ארבעט חברים און פרײנט.

קלײדער אקציע פאר פוילן

מיר האָבן שוין,אין א פריערדיקן נומער,דערמאָנט,אז מיר פירן אָן אן אקציע פאר קלײדער אין פוילן.

יעדער אײנער פון אונז,האָט גענוג מלבושים,וואָס ווערן ניט גענוצט. און ,ווער נאָך ווי איר,געקומענע פון דאָרטן,ווײסט דעם פֿארגעניגן פון קריגן א װארים מאנטל, א װארימע פאָר שוך אין יענע קאלטע טעג ,װאָכן און חדשים, ווען דער שנײ און פראָסט פרעסט זיך אײַן אין די בײנער?

עס איז שוין,טאקע,אוועק א היפשע צײַט,זינט מיר זײַנען אוועק פון יענע קאלטע מקומות. מיר לעבן,אין א װארים לאנד,עס פעלט אונז ניט יענע עלעמענטארע,קלײנע אין אונזערע אויגן,באקוועמלאכקײטן,וואס אונזערע פרײנט דאָרטן,קאָנען בלויז טרוימען..לאָמיר ,דעריבער,אלע ווי אײנער,זען צו מאכן די דאָזיקע קלײדער אקציע,פאר א גרויסן דערפֿאָלג.

נאטירלאך,מיר מײנען ניט קײן אלטע קלײדער,וואָס טויגן בלויז אף ארויסצו װארפן,נאָר גוטע ,נוצלאכע.גיט מיט דעם גאנצן הארץ,ניט אָפּצופטרן. איר טוט זיך א טובה,איר האָט די מאָראלע באפרידיקונג,וואס איר זײַנט אומשטאנד צו העלפן אונזערע חברים און פרײנט,דערפילן, אז זײ זײַנען ניט אלײן אף דער וועלט.

די לעבנגעבליבענע,די מערסטע,זײַנען פארביטערט קעגן דער גאנצער וועלט. מען קאָן זײ קײן פאריבל ,ניט האָבן. ווער פון אונז האָט א רעכט,צו זײַן א ריכטער איבער נעכטיק געפײניקטע,צעבראָכענע, אנטוישטע מענטשן ??

און ,אז נעכטיקע הילפלאָזע מענטשן,האָבן ניט פארגעסן, און ניט פארלאָרן דאָס רײן מענטשלאכע,און העלפן שוין אנדערע,האָבן מיר געהאט א גוטן בײשפיל אין סאן כאָסע, קאָסטע ריקע.

א צעטל פון יענע וואָס האָבן בײגעשטײערט צו דער ישראל־אקציע,און איר זעט,אז כמעט אלע,יאָ אלע,זײַנען גראָד גרינגע.. וואו פרעגן מיר,זײַנען די יעניקע,וואָס רײסן זיך״ מיט דעם פסוק,״אז„די גרינגע זײַנען אזוינע און אזעלכע.. וואָסער זין האָבן אײערע אטאָליקע טענות??

איר אלטע אײנגעזעסענע, אָנגעזעענע לאנדסלײט,האָט געקאָנט בײ זיך פועלן,אז אײערע נעמען זאָלן ניט זײַן צווישן די בײשטײערער צו אונזער ישראל אקציע..ווי אזוי האָט דאָס געקאָנט פאסירן ?? מיר שעמען זיך! און איר אלע מעגט אײַך שעמען !! אזא אומדערהערטער אקט האָט ניט געטאָרט פאסירן. !

לאָמיר,דעריבער ,מיט אלע אונזערע כוחות,זען צו

מאכן די קלײדער אקציע,פאר א ריזיקן דערפאָלג. לאָמיר,אלע,מאָדערנע מענטשן,זיך אָפּנעמען א גוטן בײשפּיל פון אונזערע טאטעס און מאמעס,באָבעס און זײדעס. זײ פלעגן געבן צדקה,שטיל,בסתר,אָן טומל,אָן רעקלאמע,אָדער װערן דערמאָנט, אין די צײטונגן..זײ האָבן געגעבן איבער זײערע מעגלאכקײטן,אָפּטמאָל,װײל זײ האָבן געגלויבט,יאָ געגלויבט,מיט א רײן און געפילפול הארץ און נשמה.. מעגן מיר,הײנט װעלטיקע,זיך אָפּנעמען א מוסטער פון זײ.. צו דער ארבעט פון זאמלן קלײדער .

פרויען אָרגאניזאציע אין באראנקילא

יעדעס מאָל װען מיר לײענען פון די עונג־שבתים װאָס עס פירן דורך די פרויען פון באראנקילא,טראכטן מיר,אז פרעטענציעס אף אינטעליגענץ אָדער געדײכעניש פון אמאָל איז ניט װיכטיק,נאָר הארץ,הארץ און װילן.. אָט,האָט איר א גרופּע פרויען ,װי װײט אונז איז באקאנט, איז קײנער פון זײ געװען א פירערן אין דער אלטער הײם. אָן שום אָנשטעל,פראָסט,פשוט און אײנפאך קומט מען זיך צוזאמען אײנמאָל א װאָך בײ אפרײנט אין הויז ,מען פארברײנגט בצבור,און מען פארגעסט ניט אין אונזער װיכטיקע און הײליקע ארבעט. פאראן װילן און גלויבן.. װיפיל מאָל האָט זיך די סעקרעטארן,קײלע לוקאָװיעצקי געװענדעט צו אונזערע פרויען איבער דער גאנצער װעלט נאָכצוטאָן זײער בײשפּיל---און ביז הײנטיקן טאָג,זײנען זײ דערװײל די אײנציקע..פרעגן מיר אונזערע פרויען,פאר װאָס קאָנען זײ,די באראנקילער יאָ,און איר ...... אין כמעט אלע אונזערע אקציעס נעמען זײ אנטײל מיט גאָר באדײטנדע סומעס געלט,און װײזן באמת אמוסטער פון חבריש קײט און מענטשלאכקײט אין פולן זין פון װאָרט.. װאונטשן מיר זײ פון פולן הארצן,אז זײ זאָלן ניט מיד װערן,װי מאנכע אנדערע,נאָר כסדר פאָרזעצן זײער נאָבעלער און הײליקע ארבעט. טײערע פרויען,װען מיר טראכטן פון אונזערע טאטעס,מאמעס,באָבעס און זײדעס ,װי זײ פלעגן געבן צדקה,מענטשלאכע הילף אָן שום פרעטענציעס,שטיל מענטשלאך,און מיר זעען אײער ארבעט,פילן מיר,אז איר זעצט פאָר די ארבעט פון אונזערע עלטערן אף א פײנעם אופן גײט אָן מיט אײער ארבעט און זאָלן אײערע הענט געשטארקט װערן. מיר זײנען שטאָלץ מיט אײך..

א.וואלף יאסני

(רעדאקטאר פון יזכור בוך)

זשעלעכאווער יזכור אלמאנאך

(לעבן און אומקום פון דער זשעלעכאווער ײדישער קהלה אין ליכט, פון די געזאמלטע מאטעריאלן פון חבר און פרײנט לײבוש ווײסלעדער.)

זשעלעכאוו, איז אײנע פון ,די איבער 600 ײדישע קהלות אין פוילן, וואס זײנען דורך דעם היטלעריזם אפגעמעקט געווארן פון דער פוילישער ערד.

עס קאן זיך דאכטן, אז די אלע 600 קהלות זײנען אלע דורכגעגאנגען די זעלבע פײן, מאטערניש און פארענדיקט מיט דעם זעלבן טוים. אינדער אמתן איז עס ניט אזוי. פונקט ווי יעדעס שטעטל האט זיך געהאט זײן באזונדער ײדיש לעבן, אזוי האט אויך יעדע ײדישע קהלה אין דער גרויליקער היטלער צײט געהאט איר לעבן, קאמף פארן קיום און איר באזונדערערן טראגישן טוים., און אומקום.

עס וואלט, דעריבער, נויטיק געווען אויפצושטעלן באזונדערע יזכור־ביכער פון יעדער אומגעקומענער קהלה. דאס וואלט מעגלאך געמאכט דעם קומענדן היסטאריקער פון אונזער גרויסער נאציאנאלער קאטאסטראפע צו באקומען א בילד, אן אלגעמײן און אלזײטיק, פון אונזער מאסן אומקום בימי־היטלער.

אבער, דא פעלן, אין געוויסע פאלן, די געהעריקע מאטעריאלן. אין דער הינזיכט איז זשעלעכאוו א יוצא מן הכלל. און די טעטיקײטן פון סעקרעטאר פון דער זשעלעכאווער לאנדסמאנשאפט אין אמעריקע ח. לײבוש ווײסלעדער, דארף דינען, ווי א טוסטער פאר אנדערע לאנדסמאנשאפטן, ווי אזוי מען פארײביקט דעם אנדענק פון די טראגיש אומגעקומענע לאנדסלײט און פון דער אײגענער קהלה קדושה.

לײבוש ווײסלעדער האט אין משך פון 3 יאר געזאמלט אן אויסע געוויינלאכן רײכן מאטעריאל וועגן דער זשעלעכאווער ײדישער קהלה. (מיטן באגריף קהלה מײנען מיר דאס ײדישע זשעלעכאוו אין אלע זײנע פאזן)

געטאן האט ער דאס אף זײער א פשוטן אופן, וואס האט געגעבן אויסערגעוויינלאכע גוטע רעזולטאטן. ער האט זיך געווענדעט שריפטלאך צו אלע זײנע לאנדסלײט, זײ זאלן יעדער לויט זײן מעגלאכקײט, באשרײבן די איבערלעבונגען אין זײן געבורטס שטעטל. און עס האט זיך באקומען אן אויסערגעווײנ

לאך רײכע זאמלונג,װאָס שפיגלט אָפ דאָס לעבן אין זשעלעכאָװ במעט, זינט דער אנטשטײונג פון דער קהלה ביז דעם טראגישן הושענה רבא,װען די לעצטע 5.000 ײדן זײנען דורך די דײטשן ארויסגעפירט געװאָרן אין טויטן לאגער ״טרעבלינקע.

די מאטעריאלן זאמלונג,װאָס װערט איצט צוגעגרײט צום דרוק װעט מיט זיך פאָרשטעלן א געהעריקן יזכור פאר דער אויסגעמאָרדעטער ײדישער קהלה זשעלעכאָװ.

כדי די לײענער פון בולעטין זאָלן קריגן א פאָרשטעלונג װעגן פארנעם פון זשעלעכאָװער יזכור בוך ,װעלן מיר פרובירן געבן ,א ניט פולן קאטאלאָג,פון דער זאמלונג,װאָס מען קאָן אײנטײלן אין 3 הויפט טײלן.

א)זשעלעכאָװ ביז דער ערשטער װעלט מלחמה.

שלום אָשלאק מעלבורן. געשיכטלאכע נאָטיצן,ײדישע
ארבעטער באװעגונג,אין 1905 .דאָס עקאָנאָמישע לעבן ביז
דער ערשטער װעלט מלזומה.זשעלעכאָװער אשת חײל. הערשל טאָקער
מײנסטער ״זשעלעכאָװער רעװאָלוציע 1905.
שפײזמאן . זכרונות פון לעבן פון זשעלעכאָװ.
יחיאל ראָזענפארב. טיפן און געשטאלטן פון זשעלעכאָװער
רעליגיעזע ײדן.
ישראל װײנבערג.- מײן יוגנט סביבה.
מאיר װײנציר.־ר משהלעס דינאסטיע.
שאָלעק- דאָס שטעטל פון א.מ.װײסענבערג.
משה גאָלדפארב - י.מ.װײסענבערג ,זשעלעכאָװ אין שפיגל
פון מײנע קינדער יאָרן.
ישראל נײשטעטער -א פרײטיק פארנאכט אין זשעלעכאָװ.

ב.)דאָס געזעלשאפטלאכע לעבן אין זשעלעכאָװ בעת דער 1טער-
װעלט מלחמה.

מרדכי איש טוב -״די ערשטע קולטור אָרגאניזאציעס,
„פאָפשריט״ און „קדימה״.
יחיאל כיפקעװיטש _ ארבעטער און קולטור באװעגונג.
ג)
זשעלעכאָװ צעװישן צװײ װעלט מלחמות.

לײבוש װײסלעדער _זשעלעכאָװ ,װי איך געדײנק ,ארבעטער
באװעגונג.

משפטים -זשעלעכאָװ צעװישן צװײ װעלט מלחמות.

שאָלעק ־חנה ישראל מאירס, יוגנט באַװעגונג און קולטור באַװעגונג.
י.פעלהענדלער־ יחיאל לערער.
פ.ט. װינציק־ די קינדער אָרגאניזאציע סקיף.
אסתר אלטמאן ־זשעלעכאָװ אין 1933. א װיזיט.
יהודה בן שלום ־זשעלעכאָװער טיפּן.

אויסראָטונג פון דער זשעלעכאָװער קהלה.

משה באָראָכאָװיטש.
זשעלעכאָװ אין פײן און אומקום.
לאקסמאן ־מײנע איבערלעבונגען אונטער דער היטלער אָקופאצי
גאָדל נאכטײלער ־ערשטע 3 חדשים היטלער הערשאפט.
שרה װײנבערג־א יתומים הויז בעת דער אָקופאציע.
צביה װאָרצעלמאן־אין קלעם פון דער היטלער הערשאפט.
ענטגילטיקע ליקװידאציע פון זשעלעכאָװער געטאָ.

פרידע גאָרפינקל ־אויסראָטונג אין דער ארישער ז״ט.
שמואל האכגעלערנטער ־ ליקװידאציע פון דער זשעלעכאָװער קהלה.
זשעלעכאָװער אין טויטן לאגערן.

פײגע גוטרײך־איבערלעבונגען אין טויטן לאגער.
א.אסטאנאָװיטש־ אין טויטן לאגער.

זשעלעכאָװער אין װארשעװער געטאָ אויפשטאנד.

א.אסטאנאָװיטש־ אין װארשעװער געטאָ בעתן אויפשטאנד.
י.שערמאן־־אונזערע קאמפס פּאָזיציעס בעתן געטאָ אויפשטאנד.

זשעלעכאָװער פארטיזאנען.
יאָסל לוקאָװיעצקי איבערלעבונגען פון א זשעל.פארטיזאן.
הינדי רובינשטײן ־ צוזאמען מיט סאָװעטישע פארטיזאנען.
שמואל האָכגעלערנטער ־ זשעל.פארטיזאנען אין קאמף.
מענדל קורצארזש־אונזער קאמפס פּאָזיציעס אין װאלד.

אף דער ארישער ז״ט.
דבורה פאָפּאָװסקי־צװישן אריער,דער פויער סאָקאָל.
פרײדע גאָרפינקל־אף דער ארישער ז״ט.
הינדי רובינשטײן־צװישן פוילישע פויערים.

פארשידנס.

חנינה מעסינגער־מײנסטער און ב. וואסערמאן

זשעלעכאָווער אין פראנקרײך פאר און בעת דער היטלער הערשאפט.
ישראל געבער ־ דאָס ײדישע גארוואָלין אין זײן אונטערגאנג.

דאס אויבנגעבראכטע איז דער ניט פולער קאטאלאָג פון דער מאטעריאלן זאמלונג, וואס וועט ארײנגײן אין זשעלעכאָווער־אלמאנאך. אחוץ מזה, קומען ארײן אין בוך איבער 200 פאָטאָגראפיעס, דאָקומענטן, און עקסהומאציעס און פארשידענע אנדערע מאטעריאלן. דער זשעלעכאָווער יזכור בוך וועט אזוי ארום, זײן א ווערק וואס וועט פארדינען זײן נאָמען.

אונזער סעקרעטאר לײבוש

אונזער סעקרעטאר, רעדאקטאָר פון בולעטין, אונזער אלטענס חבר און פרײנט, לײבוש איז איצט אין ישראל, וואו ער וועט זיך באקענען אפן פלאץ, מיט די באדינגונגען לעבן פון אונזערע פרײנט און נאָנטע, ווי אויך מיט דעם אלגעמײנעם לעבן פון לאנד.

מיר זײנען זיכער, אז אלע אונזערע לאנדסלײט און פרײנט וועלן אים געבן זײן פארדינטן קבלת פנים, ווי ער האָט דאָס כשר פארדינט.

פאראן ווײניק צווישן אונז וואס קאָנען, וואָלטן געקאָנט, טראָגן אזא ריזיקע פאראנטוואָרטלאכקײט ווי עס טוט דאָס אונזער ליבער חבר און פרײנט, לײבוש. בלויז גלויבן, גלויבן און שטאָלענער ווילן וואָס ער פארמאָגט העלפן אים אין זײן שווערע און פאראנטוואָרטלאכער ארבעט.

ווילן מיר האָפן, אז איר אלע פרײנט און לאנדסלײט, וועט אויסנוצן דער געלעגנהײט און פארוואנדלען זײן באזוך בײ אײך, אין אן אמתן יום טוב. א יום טוב פון א פײן, דאנקבאר קאפיטל זשלעכאָווער הילפס־ארבעט.

ליבער אײער גאסט.

דר. משה מערקין.

די אלטע היים.

פאר יעדן, פון אונז, מענטשן פון דעם אזוי גערופעפעם „אלטן דור״, איז די „אלטע היים״ קײנמאָל ניט געװען בלויז א געאָגראַפישער באַגריף, נאָר האָט תמיד מיט זיך פאָרגעשטעלט און ארויסגערופן א שלל פון זכרונות, רעמיניצענצן פון פון אונזער קינדהײט, פון יענע גליקלאַכע יאָרן װאָס זײנען פארבונדן מיט אונזער יוגנט, מיט די אידעאלן און חלומוה פון דער אײביק גאָלדענער, צײט פון דעם אזוי װײטן און דאָך נאָנטן עבר. די „אלטע היים״ איז געװען און איז פארבליבן עד היום, דער אומאויסשעפּלאכער קװאַל פון די אינספּיראַציעס, פון כמעט אלע אונזערע גרויסע שרײבער און שעפער. און אפילו יענע װאָס האָבן פארלאָזט אײראָפּע און זערע געבורט־לענדער מיט צענדליקער יאָרן צוריק און זיך שוין לאנג אײנגעבירגערט און צונויפגעװאַקסן מיט דער נײער סביבה, דאָך, שעפּן זײער אינספּיראַציע פון דער אלטער היים.

און מערקװירדיק, אז כל זמן זײער טעמאַטיק דרײט זיך ארום דער אלטער היים, ארום דעם אזויפיל באַזונגענעם „שטעטעלע״, זײנען די װערק פון די דאָזיקע שרײבער פריש, פול חן און הארציקײט, אזוי װי פון די דאָרט, פון די װײטע מרחקים, פון די שוין לאנג פארגעסענע הײזקעס, לאַנקעס און טײכעלאך װאָלט געבלאָזן א פרישער װינט, א רוח החיים, װאָס לעבט אויף די אָפט אזוי טרוקענע עצמות היבושות פון דער דיכטערישער פאנטאזיע.

נעמט למשל אזא טאלאנטפולן, גרויסן שרײבער װי יוסף אָפּאטאָשו װעלכער לעבט שוין היפּשע עטלאכע יאָר אין אמעריקע, און פארגלײכט זײנע װערק װאָס זײנען געװידמעט דער אלטער היים דעם שוין לאנג פארשװאונדענעם לעבנס שטײגער מיט זײנע דערצײלונגען פון דעם אמעריקאנער ײדישן לעבן, פילט איר תיקף ומיד דעם קאָלאָסאלן אונטערשיד אין דעם גאנצן טאָן, אין די פארבן און דער ליבשאפט צו זײנע העלדן װאָס װײען פון די װערק װאָס זײנען געװידמעט דער אלטער היים.

דאָס שטעטל איז געבליבן דער קװאַל פון טעמעס, בענקעניש, פון ראָמאַנטיק ניט נאָר בײ די קלאַסיקער פון שטעטל באַשרײבער װי, שלום אש, איטשע מאיר װײסענבערג, דוד בערגעלסאָן און זײערע פאָרגענגער־דער זײדע מענדעלע און דער אײניקל שלום עליכם, נאָר בײם גאנצן שפּעטערדיקן דור שרײבער װאָס ציען עד היום, זײער יניקה פון דער אלטער היים.

װאס איז אזוינס,אין תוך,די לאנדסמאנשאפט_פארײנען װאס טראָגן כלומרשט א רײן פילאנטראָפישן כאראקטער,„הילף צו אונזערע פארװאָגלטע ברידער אין נויט",אויב ניט דער פאר־װאָרצלטער געפיל ,די טיפע בענקעניש נאָך דער אלטער הײם; װיפיל מיר זאָלן ניט װעלן פארמאסקירן אָט די דאָזיקע הײם־װײ־געפילן אונטער דעם מאנטל פון רײנער פילאנטראָפיע, שטעקט אין דער טעטיקײט פון די לאנדסמאנשאפטן,גאָר א גרויסע דאָזע ראָמאנטיק און פשוטע מענטשלאכע ליבע צו דעם געבוירן־שטעטל מיט אלע מעלות און חסרונות.

יעדער אמעריקאנער לאנדסמאן גיט זיך אָפ א קלאָרן חשבון, אז לגבי דעם אמעריקאנער לעבנס שטײגער ,לגבי די קאָלאָסאלע באקװעמלאכקײטן און דעם גאנצן לעבנס ניװאָ פון די ײדן אין די לענדער מעבר לים איז דאָס בידנע,חושכדיקע און קבצניש לעבן פון דער אלטער הײם אײגנטלאך געװען אן אמתער גהינם.סוף כל סוף װאָס פארא לעבן,מישטײנס גע־זאָגט האָבן שוין אונזערע טאטעס און זײדעס געפירט אינם אלטן פוילן,רוסלאנד,ליטע און אפילו אין דער זבת חלב ודבש פראָװינץ ־װי בעסאראביע אין אלטן רוסלאנד.

תמיד גרודפט און געפײניקט פון יעדן גראָדאָװאָי און סטאזניק ,תמיד פארדאגהט ארום דעם טרוקענעם שטיקל ברויט, אנטי היגעניש באדינגונגען פון די דירות און חדרים װאו אונזער יוגנט האָט פארבראכט די בעסטע יאָרן,רעכטלאָז און מאכטלאָז קעגן די שטורמס פון דער ביטערער װירקלאכקײט א לעבן פון דורות נאָר פול מיט בטחון און חלום פון דעם ארחית הימים בײ די אלטע פון משיחן ,און בײ די ײנגע ־ פון דער אויסגעבײנקטער מלוכה פון פרײהײט,גלײכהײט און ברידערלאכקײט..װאָסער פארגלײך מיט דעם לעבנס שטאנדארט פון אמעריקאנער ײדנטום!

און פונדעסטװעגן,בײ אלע אונזערע היגע גליקן און באקװעמלאכקײטן טליעט אין אונזערע הערצער א מאָדנע בענקעניש נאָך אָט דער דאָזיקער אומבאקװעמלאכקײט און אָרימער הײם. דעמאָנט מען זיך אין הײם שטעטל,װעקט זיך אויף אין דער נשמה עפעס אזוינס װאָס לאָזט זיך ניט לאָגיש פאָרמולירן מיט שכל דערקלערן.בענקעניש נאָך די פארשװאונדענע יוגנט־יאָרן,אויסגעטויכטע זכרונות פון דער הײמישער לאנדשאפט װאָס באקומט פון דער װײטנס,דורך דער פריזמע פון דער אויסגעװעקטער ראָמאנטישקײט גאָר אבאזונדערן חן און שײנקײט.

װיפיל מאָל קומט אויס צו הערן,„איך שענק אײך אװעק די גאנצע פראכט פון א פלאָרידע," די װאונדערבארע שײנקײט פון א ריאָ דע זשאנעראָ" פאר אונזער קלײנעם טײכעלע אָדער די גרינע לאָנקע אין מײן װאָלין,און אלע פראכטפולע טעמפלען און סינאגאָגעס מיט די אמעריקאנער חזנים מיט די געגאָלטע

מאָרדעס פאר אונזער אָרימען בית המדרש מיט דעם אביון
חזן און פארהונגערטן שמש אין אונזער חסידים שטיבל.
קאָנט איר אזוינע ווערטער דערקלערן מיט זעם שכל הישר?
ניין, דאָס איז די השתפחות הנפש, דאָס ליגט טיף פארבאָרגן
אין דער נשמה, הארץ פון יעדן איינעם פון אונז. מיר האָבן
געהאט די זכיה געבוירן צו ווערן און דערצויגן ווערן אין
די אָרימע שטעטלאך פון דעם, חחוט המושב'אין דער אלטער היים
ווייל מיר האָבן פון דאָרטן ארויסגעטראָגן אין אונזערע
וואליזקעס, עפעס אזוינס וואס מען קאָן ניט אויסלערנען אין
די מאָדערנע אוניווערסיטעטן, היגיענישע און וועלטלאכע שולן,
אָדער אמעריקאנער תלמיד תורות... די טיף פארוואָרצלטקייט,
ליבשאפט צן אונזער פאָלק, צו אונזער פארגאנגענהייט, צו
אונזערע אלטע-נייע טראדיציעס און היסטאָריש איינגעוואָרצלטע
גלויבן און בטחון אין דער צוקונפט פון אונזער פאָלק.

דעריבער איז מיר ליב און טייער יעדע לאנדסטאנשאפט וואס
גיט זיך אָפּ ניט נאָר מיט פילאנטראָפיע נאָר וועלכע פארשטייט,
די גרויסע וויכטיקייט פון אויפהאלטן די גאָט געבענטשטע
אוצרות פון דעם עבר, פון דער אלטער היים. „
אָט אזא אינסטיטוציע ווי די „זשעלעכאָווער לאנדסמאנשאפט וואָס
ראנגלט זיך מיט אלע מניעות און שוועריקייטן און דאָך האלט
חויך די פאָן פון ליבשאפט צו אונזער עבר און זוכט מיט
אלע מיטלען חעלפן די לעבנגעבליבענע, פאראייביקן מיט דעם
פאר די צוקונפטיקע דורות, אונזער געפאלענע קדושים.
און טראָגן צו רום צו אונזער קולטורעלע אוצרות. אזעלכע
לאנדסמאנשאפטן פארדינען אן אמתן יישר כוח ניט נאָר פון
אירע מיטגלידער נאָר פון יעדן יידישן מענטשן פאר וועמען
די פראזע, אלטע היים איז ניט קיין געאָגראפישער באגריף,
נאָר א שטיק פון אונזער הארץ פון אונזער נשמה לעבן.

באמערקונג..

דר. משה מערקין איז ניט קיין פנים חדשות אין דער יידיש-ליטערארישער וועלט. נאָך אלס קינד, געבוירן אין שקלאָוו, ווערט ער געבראכט קיין סאָסנאָוויץ, פוילן. קריגט א יידיש טראדיציאָנעל רעליגיעזע דערציאונג. שפעטער געענדיקט 2 פאקולטעטן, עקאָנאָמישע און סאָציאלע וויסנשאפט און יוריספרודענץ. פראקטיצירט אלס אדוואָקאט אין, רוסלאנד, פראנקרייך און שפעטער, אין דייטשלאנד. פארעפנטלאכט ארטיקלען איבער סאָציאל עקאָנאָמישע פראגן אין, רוסיש, פראנצויזיש און דייטש. אין 1936 קומט ער קיין ארגענטינע און פארנעמט באלד אן אָנגעזעען פלאץ אין דער יידישער וועלט.

דערוואָרבן זיך גלייך א פלאץ אין דער זשורנאליסטיק אלס אן אומאפהענגיקער שרייבער מיט אן אייגן וואָרט.

דרײ מאָל געװען פרעזידענט פון ײדישן שרײבער פארײן אין בוינעס אײרעס,ארגענטינע. װיצע פרעזידענט פון „ציקאָ". ארבעט מיט אין ,כמעט,אלע ײדישע צײטונגען און זשורנאלן פון אלע זיד אמעריקאנישע לענדער.

אין יאָר 1947 דערשײנט זײן בוך„סילועטן פון אמעריקע", װאס װערט זײער גוט אויפגענומען פון דער פרעסע,און װערט א,בעסט סעלער'. פארקויפט געװאָרן עטלאכע טויזנט ביכער.

אין 1936 שליסט זיך דר. מערקין אָן אין דער אָרגאניזאציע „אָרט",װאו ער איז דער פארטרעטער אין די לאטײן אמעריקאנישע לענדער ביז הײנטיקן טאָג. געגרינדעט א גאנצע רײע שולן און קורסן פאר זעם„אָרט"אין פארשידענע לענדער.

דר.מערקין איז א פײנער רײדנער פונקט װי א שרײבער.

עס איז באמת א כבוד פאר אונזער בולעטין צו האָבן אזא אָנגעזעענעם מענטש,שרײבער און קולטור טוער אין אונזער משפחה.

דר. משה מערקין האָט אונז צוגעזאָגט צושיקן ארטיקלען פארן בולעטין פאר יעדן נומער.װילן מיר אים הארציק דאנקען אין נאָמען פון אונזער לאנדסמאנשאפט און האָפן אז אונזערע לײענער װעלן הנאה האָבן פון זײנע װײטערדיקע ארטיקלען פונקט װי פון הײנטיקן. באמת,א הארציק ארטיקעלע און א הארציקן דאנק חשובער דר. מערקין.

יצחק באָרענשטײן

אן ענטפער פרײנט קאָסמאן (פאָרזעצונג פון נומער 12 בולעטין)

װי טראגיש קאָמיש די דודלאך זאָלן ניט האָבן געװען,קאָן מען זײ נאָך מוחל זײן,װײל זײ האָבן געגלויבט אין זײערע געטער.װײל די יעניקע,װעמען זײ האָבן געװאָלט באגליקן, נאָך ניט געהאט ארויסגעװיזן זײער פערװעזיטעט,זײער גאנצע חיהשע אינסטינקטן.קאָן מען זײ מוחל זײן,װאס זײ האָבן זיך, און אנדערע,דאָס גאנצע ײדישע לעבן װאס איז דעם ײדישן מענטשן ליב און טײער,פארלײקנט.אויסגעלאכט די ײדישע טראדיציעס,די ײדישע רעליגיע,בכלל דאס ײדישע לעבן. נאציאָנאלער געפיל בײ ײדן פאר אן „אײגענער הײם"-אלס בורזשואזנע בהלה פראָפאגאנדע..."

הײנט,אָבער,אין ליכט פון די טראגישע געשעענישן,װען די פאָטענציעלע מערדער,אוקראײנער,לעטן,פאָליאקן האָבן זיך פארקויפט צום גרעסטן מערדער אין דער װעלט געשיכטע,און געהאָלפן פארניכטן 6 מיליאָן אונזערע ברידער און שװעסטער

און צוגערויבט זײער האָב און גוטס.און ,אז זײ זעלבע
נאיװע דודלאך זאָלן נאָך הײנט גלויבן אין דער גוטסקײט
פון די זעלבע מערדער -דאָס איז שוין שװער צו באגרײפן.
פארגעסן אָדער גאָר ניט געלערנט.
מיט װעמען,פרעג איך האָט איר פארבונדן אײער גורל?מיט
די סלאװישע,שקלאפישע פעלקער װאס האָבן הונדערטע יאָרן
אלײן געלעבט אין שקלאפערײ און װײסן אפילו ניט דעם טעם
פון זײן פרײע מענטשן?זײ װעלן אײך ברײנגען די גאולה
פאר דער מענטשהײט?:
די דאָזיקע שקלאפן פעלקער,די סלאװישע,טוען זײער„נאָבעלער״
ארבעט פון רויבן און מאָרדן ײדן הונדערטער יאָרן,װײל זײ
זײנען פארדאָרבן און דורשטיק נאָך ײדיש בלוט. עס ליגט אין
זײער טרפהנעם בלוט.קײן שפרוך אָדער„אידײע״ װעט זײ גאָר ניט
העלפן. אָט זעט,רוסלאנד־א רעװאָלוציע שוין העכער 30 יאָר
אנטיסעמיטיזם פארבאָטן און שװער באשטראָפט פון דער רעגי־
רונג ,פארן בלויזן װאָרט„זשיד״גײט מען אין טורמע. און זע
בײ דער ערשטער געלעגנהײט,אין היטלערס עפאָכע,האבן זײ די
ײנגע רוסן,אוקרײנער,קינדער פון דער רעװאָלוציע, דערצויגן
שוין אין נײעם גײסט,געהאָלפן אונז רויבן און מאָרדן.
װער האָט זײ געלערנט מאָרדן ?קײנער.דאס ליגט אין זײער
טרפהן בלוט. און אָט מיט די פעלקער ,פרײנט קאָסמאן,װילט
איר פארב?נדן דעם גורל פון אײך און פון אונזער פאָלק..
זײ זײנען דאָס בײ אײך די אויסדערװײלטע פון דער מענטשהײט..
איך בין געװען אין פוילן אין יאָר 1948 און איך האָב מיט
מײנע אויגן געזעען די„אויסדערװײלטע״,באנײטע רעטער פון
דער מענטשהײט....לאָמיר בעסער פון דעם ניט רײדן..
פרײנט קאָסמאן טרײסט זיך מיט טראָפנס...מען שטיצט די
ײדישע קולטור,ײדיש טעאטער א.א.װ. א פאקט אָט האָט מען
געבראכט 2 ײדישע אקטיאָרן צו געבן„פלעזשור״די ײדישע
מאסן אין פוילן אזש...פון ארגענטינע,און דערמאָנט זאָגאר
די נעמען פון די קינסטלער.נײן חשובער פרײנט.סאיז ניט
נויטיק געװען.מיר װאָלטן אײך געגלויבט אפילו אף אײער
װאָרט.אָבער ניט אין דעם גײט עס..זײ טוען דאָס אזוי לאנג
װי עס ברײנגט זײ פאָליטישן נוצן,ניט מער,רײדט זיך ניט
אײן.אפשר װײסט איר,א קשיה אף א מעשה,װאו זײנען אהינגעק־
ומען די ײדישע שרײבער,מיט װעלכע אָט ערשט נעכטן ,האָט איר
אזוי שטאָלצירט און געגרויסט זיך,דער בערגעלסאָן,מארקיש
און צענדליקע אנדערע?װאו װאו ?מיר װײסן דאָך ניט,אפילו
װאו זײער געבײן איז אהינגעקומען...אפשר װײסט איר װאָס
עס איז געװאָרן מיט די ײדישע צײטונגען,קינדער שולן,ײדיש
פילאָלאָגישע אנשטאלטן און בכלל מיט דעם גאנצן ײדישן

לעבן דאָרטן אין „גן־עדן־לאנד״ פון דער ײדישער קולטור? פרײנט קאָסמאן, אזױ לאנג װי זײ דארפן דאס, צוליב רײן פאָליטישע טעמים, װעלן זײ ברײנגען אקטיאָרן אױש פון אײער לאנד.. און אױב ניט, נו, װײסן זײ, פונט װי זײערע לערער װאס צו טאָן מיט נעכטיקע שעפער און קינסטלער. פארלאָזט זיך אף זײ... איך װיל ניט זײן קײן שװארץ זאָגער, װארט צו א ביסל, גיט זײ צײט, און איר װעט נאָך האָבן „נחת״ פון זײ... עס איז די טראגעדיע פון בונדיסטן, ארץ ישראל איז געװאָרן א װירקלאכקײט, ניט װי אָזשעך האָט פאָרױסגעזאָגט, און פון איך, װאָס אײער נעכטיקע כאװײרימלאך האָבן זיך ארױסגעװיזן צו זײן גוטע ײדן מערדער בײ דער ערשטער געלעגנהײט.. בלײבט איר דאָך אָן א גאָט ר״ל נו שרײט איר..עס טוט אײך װײ װען מען זאָגט אײך דעם אמת..טאקע, פאר װעמען זײנט איר און אײערע כאװײרימלאך געגאנגען אין טורמע, אָפּגעבן אײערע ײנגע לעבנס ?! מיר פארשטײען דאָס גאנץ גוט.

זיכער איז, אז דער פארלאנג פאר סאָציאלער גערעכטיקײט איז זײער א שײנער און דערהױבענער. צי דער סאָציאליזם קאָן לײזן אלע מענטשלאכע פראָבלעמען ־װעלן מיר איבערלאָזן פאר ספעציאליסטן. אײנס אָבער איז זיכער, אז מיר ײדן האָבן א רײכע און אלטע פארגאנגענהײט, נײן; מיר זײנען ניט די אױסדערװײלטע, אָבער מיר זײנען א פאָלק װי אלע פעלקער. קײם שום פאָלק, גערעכט צי ניט, װיל ניט פארשװאונדן פון דער װעלט ארענע..װיל זיך ניט אסימילירן, אױסמישן און גאָר ני גלײבן. אױב מיר װארפן זיך אין די אָרימס פון די יעניקע װאס האָבן ניט קײן אינטערעס אין אונזער המשך, איז פאראן א געפאר, אז מיר װעלן אונטערגײן. װעט איר אָנגעטרױען דאָס ײדישע לעבן אין די הענט פון די יעװסעקעס־־־נו, איר װײסט דאָך דעם סוף....לעבן צעװישן פעלקער, און דערצו שלעכטע, װאָס װילן אונז דערדריקן, פיזיש און גײסטיק...נײן דאָס איז ניט קײן בהלה פראָפאגאנדע, נאָר פשוט זײן גײסטיק בלינד. און נאָך עטלאכע װערטער װעגן ײדישע ליטעראטור...

פרײנט קאָסמאן פרעגט זיך מיט א געבײזער־־צי איך האָב געלײענט די ײדישע ליטעראטור, ספעציעל יחיאל לערערס מײן הײם, יאָ חשובער פרײנט. געלײענט. און געלײענט נאָך עפעס. תנך, גמרא, משניות און נאָך עטלאכע ספרים..אמתע, װערטפולע װערק װאס האָבן פארברײטערט מײן גײסטיקן האָריזאָנט. געלערנט, אז אונזער ײדיש לעבן הױבט זיך, װײט, װײט ניט אָן מיט די פראָפעסיאָנעלע פארײנען, קלובן, שטאָטישע ראטמענער און מיט דער ראדיקאלער באװעגונג..װײט, װײט....

מיר ײדן ,װאו מיר זאָלן נית זײן,האָבן א הײליקע אויפגאבע שאפן א הײם פאר אלא אונזערע פארװאָגלטע ברידער און שװעסטער װעמען דער גורל האָט נית געבראכט אין די אמעריקאנישע לענדער,װאו ײדן לעבן,פיל װײניק רואיק און צופריד עס איז נית קײן פראגע פון עקאָנאָמישן לעבן בלויז..מיר האָבן א המשך,א פאָרזעצונג פון אונזער פאָלק,פיזיש און גײסטיק.דאָס קאָן געטאָן װערן בלויז דורך אונז אלײן,און

אין אונזער אײגן לאנד..

מיט אײן װאָרט,אן אײגן לאנד,אײגענער שפראך,קולטור,מנהגים מיט אײגענע,שרײבער,קינסטלער,ארבעטער און פויערים א.א.װ. אלץ װאָס אפאָלק האָט און שאפט.איז דאָס,פרײנט קעסמאן, בהלה פראָפאגאנדע ?????

„בהלה פראָפאגאנדע"דער דאָזיקער חנעװדיקן אויסדרוק,האָט איר גענומען פון יענע װעמען דאָס אמתע ײדישע לעבן גײט אָן אף אזוי פיל װיפיל עס העלפט דער פארטײ..אויב עס לוינט זיך,װי אין יענע יאָרן פון די אראבישע שחיטות אף דער חברונער ישיבה,װעט מען,סהאָט דאָך פאסירט,שיקן באגריסונגען צו די„רעװאָלוציאָנערן"!..די אראבישע מערדער..

נײן אזעלכע באװײרימלאך װילן מיר נית..

נאָך עפעס װיל איך אײך,פרײנט קאָסמאן פרעגן.פון װען אָן צערײסט איר זיך אזוי דעם ספאָדיק פאר דער ײדישער ליטעראטור??איר פארופט זיך אף,סעגאלאָװיטש,װײסענבערג,יחיאל לערער און אנדערע,און פון אנדערע גרויסע ײדישע שרײבער. אדרבה,װעמען האָבן יענע שרײבער באשריבן און באזונגען. ײדן טײערע,פשוטע,מיט גרויסע ײדישע ליכטיקע נשמות.

ײדן מיט בערד און פיאות,אביסל מגושמדיקע,אָבער דאָך אונזערע הארציקע.ײדן װאָס זײנען געװען און פארבליבן פארװאָרצלט אין דער ײדישער רעליגיע,טראדיציע און פאָלקסטימלאכקײט.א פשוטער ײד ,אגאנצער װאָך געמוטשעט זיך פאר א טרוקן שטיקל ברויט,און שבת־־־א קעניג. נײן,נית בלויז שבת,אין דער װאָך,בײ א קאפיטל תהילים,א שטיקל גמרה און דער עמך איז דערהויבן געװאָרן...און געטראָגן טיף אין הארץ,די אײביקע בענקשאפט ־־צוריק אין אײגן לאנד.. דאָס לאנד פון אונזערע אבות.. אט דאָס אלץ,האָט דאָך ,מיט אײערע באװײרימלאך אפגעשפעט און אויסגעלאכט..נית אזוי?? װעמען באשרײבט יחיאל לערער,סעגאלאָװיטש אָדער אונזער ליבער ברײנסקי,אויב נית יענע הארציקע,פאנאטישע,אפגעלאָזענע,און דאָך,אזעלכע טײערע ײדן,װעמעס אידעאלן איר האָט אזוי ציניש איגנאָרירט,אויסגעלאכט אלס בורזשואזנע אפפאלעכץ..

װאָסער געמײנזאמעס האָט איר מיט יענע ײדן?.

כלעבן,טראכט זיך ארײן אביסל,געלאסן,רואיק און האט דעם מוט צוצוגעבן,אז איר זײנט געװאָרן ביטער אפגענארט.

באמערקונג.

עס איז קיין פראגע, אז פריינט בערנשטיין האָט א פולשטענדיק רעכט אף זיינע געדאנקען און מיינונגען. אונזער שריפט איז א פרייע טריבונע און וועט, האָפענטלאך, פארבלייבן..

אָבער, די פראגע, הויפט פונקט, וואס אונזער חשובר פריינט ברינסקי האָט באריהרט איז געווען, דאָס יידישע שטעטל אלס די שווארץ ערד פון יידישן לעבן, ניט וועלכע פארטיי אינט קליינעם שטעטל האָט געהאט דעם לעצטן אמת... און וועגן דעם זיינען אונזערע פריינט, אוועק אביסל צו ווייט...

די פאָלעמיק, סיי פאר און סיי קעגן, האָט אונז געוויזן ווי אזוי מען טאָר ניט פאָלעמיזירן.

געווען אהיפש ביסל אויפרעגונגען, געמיטער צעהיצטע, וואס איבערצייגן קיינמאָל ניט, נאָר פירן נאָך מער צו פארטיילונג. עס טאָר קיינמאָל ניט דערלאָזט ווערן, אריינזאָגן יענעם, אנשטאט דעבאטירן וועגן די געדאנקען וואס דער קעגנער האָט ארויסגעזאָגט. נאטירלאך, מיר ווילן ניט צונעמען די רעכט פון אונזערע לייענער צו זאָגן א וואָרט אין דער פראגע. מיר וואָלטן, אָבער געוואָלט, אז איר זאָלט זיך ניט פארליידן, ווי מאנכע פריינט האָבן געטאָן, נאָר שרייבן וועגן דער פראגע פון דער עסיי. איז דאָס יידישע שטעטל געווען דער פונדאמענט אָנהאלט, שווארץ ערד פון יידישן לעבן, צי ניט.

וועגן אופן, ווי אזוי אונזער פאָלעמיק האָט בשום אופן ניט געטאָרט געפירט ווערן, וועלן מיר באריהרן אין דעם לעצטן ארטיקל „קולטור און פראָפאגאנדע" אין מאי נומער בול.

באגריסונג.

די זשעלעכאָווער קאָצקער געזעלשאפט אין פאריז, פראנקרייך, דריקט אויס איר צופרידנהייט מיט דעם געזונט ווערן פון איינעם פון אירע עלטסטע און חשובסטע מיטגלידער, יעקב בויטאייל און וואונטשן אים לאנגע יאָרן פון געזונט און גליק.

דער קאָמיטעט פון דער זשעלעכאָווער קאָצקער
געזעלשאפט פאריז.

מיר בעטן אלע אונזערע פריינט וואס ווילן, אז זייערע בריוו באריכטן און קאָרעספ. זאָלן אריין אין מערץ נומער, זיך צו איילן און דאָס גלייך אריינשיקן צו פריינט וויס אין שיקאגאָ. דער נומער יאנואר פעברואר איז געשלאָסן געוואָרן דעם 25. דער נומער מערץ אפריל וועט פארענדיקט ווערן דעם 25טן מערץ

לייבוש

עפעס וועגן מיין נסיעה:

שוין עטלאכע מאָל, אז איך בין ארויסגעפאָרן פון די שטאטן. פאר עטלאכע חדשים, קיין בארראנקילא, באָגאָטא, פאנאמא און קאָסטא ריקע. פאר יעדער נסיעה זיך געגרייט און געלעבט אין דערווארטונג פאר דעם אנדעשטיקן אין טאָג טעגלאכן לעבן.

דאָסמאָל, אָבער, איז מיין פאָרן גאָר עפעס אנדערש, אזוי די צוגרייטונגען און נאָך מער, די דערווארטונג. א דערווארטונג, וואָס טראָגט מיט זיך דערינערונגען פון צענדליקער יאָרן געזעלשאפטלאכע ארבעט און צעווישן פארטייאישע מיינונגס אויסטוישן

זשעלעכאָוו אין ברען פון אָרגאניזאציאָנעלע אקטיוויטעטן, אפן פראָפעסיאָנעלן געביט, און ניט ווייניקער אפן קולטורעלן פאָרלייזונגען, קעסטל אָוונטן, דיסקוסיעס א.א.וו.

אצייט פון געדאנקען-אמפערן צעווישן אנהענגער פון פארשידענע ריכטונגען. אמעורסטן צעווישן ציוניסטן און קעגנער, א צייט ווען נאָך היציקע דעבאטן ווערט איינגעשטעלט א צעווישן פארטייאישע פארשטענדיקונג פאר קעסטל אָוונטן, אין וואָך אין די פראָפעסיאָנעלע פאריינען, באזוכט אפילו פון ניט מיטגל. ציוניסטישע חברים, און אצווייטע וואָך אין דעם ציוניסטישן פאריין, באזוכט פון אלעמען, מיטגלידער פון די קעגנער אריינגערעכנט. געוויינלאך, קרייזן זיך אלע פראגעס ארום, ציוניזם, ארץ ישראל, אָדער פאלעסטינע, מעגלאכקייטן אָדער אומעגלאבקייט פאר אן אייגענער יידישער מלוכה.

און היינט, נאָך עטלאכע צענדליקער יאָר, גרייט איך מיך צופאָרן א א יידישער מלוכה. אמת, אסך פון די אמאָליקע פראָבלעמען זיינען נאָך אפילו היינט, ווייט, ווייט ניט פארענטפערט.. און מאכע נייע, וואָס שטייגן איבער אונזער דאמאָלסטיקע פאָרויסזאגונגען..

איצט גרייט איך מיך פאָרן אליין און זעען מיט אייגענע אויגן דאָס לאנד וואָס עקזיסטירט שוין קנאפע צוויי יאָר. א לאנד, פון וועלכן מיר אלע דערווארטן דאָס, וואָס מיר האָבן שטענדיק געהאלטן יושר און גערעכטיקייט פאר זיך, פאר אנדערע, פאר דער גאנצער אונטערדריקטער מענטשהייט.

איך פאָר מיט ניט קיין פאָרויסבאשטימטע מיינונגען. איך פאָר מיט אן אָפן הארץ, א פריינטלאכס, פאר אלץ וואָס עס קאָן פארלייכטערן דעם גורל פון אונזערע געפייניקטע ברידער און שוועסטער. האָף אויך, מיינע איינדריקן איבערצוגעבן אלעמען.

אלע אונזערע פרײנט און חברים איבער דער גאַנצער װעלט.
בײן געװען שטאַרק פאַרנומען די לעצטע עטלאַכע װאָכן.
אזוי בײם גרײטן זיך צום פאָרן, ארומגײן אין די הײזער
פאַר א נאַכט עסן אָדער, סתם, א סעודהלע, װאו פרײנט האָבן מיך
ניט אָפּגעלאָזט, און געמוזט זײ צוליב טאָן. און בײ א
װעטער, א שנײדנדיקן פראָסט 10 אונטער 0 אין א זאַװערוכע
מיט שטאַרקע שנײען.

דער דעצעמבער נומער בולעטין האָט באַדאַרפט זײן פאַרטיק
און האָט געמוזט צוגעגרײט װערן נאָך אײדער איך פאָר אָפּ.
אזוי, אז איך האָב מיך געאײלט מיט דעם פאַרטיק מאַכן אלץ
ביז דעם לעצטן טאָג פון מײן אָפּפאָרן. װעלן מיר, דעריבער,
אונזערע לײענער מוחל זײן, אויב עס װעלן זיך האָבן אַרײנגעכאַפּט געװיסע פעלערן, אָדער אויב איך האָב צופעליק, אויס
געלאָזט געװיסע נעמען..

זיך אָפּגערוט פאָרנדיק אין באַן א גאַנצע נאַכט, פון שיקאַגאָ
קײן ניו יאָרק. געהאַט א פרײנטלאַכן שמועס מיט מײן שכן,
א גלח. א מין פראַגן און ענטפער אויסטויש. מײן שכן האָט
מיך געװאָלט איבערצײגן אין אמת, קאַטוילישן, אז מאַריע איז
נאָך אלץ געבליבן א „בתולה" אפילו נאָכן געבורט פון יעזוס.
צום שלוס, נאָך ניט זײענדיק זיכער מיט זײן מיסיע, מיט
זײן דערפאָלג, האָט ער בײ מיר געבעטן מײן אדרעס כדי זיך
מיט מיר דורכשרײבן און װײטער מיך איבערצײגן אין זײן
„בתולה אמת"...

געװען א טאָג אין װאַשינגטאָן. געװען א טאָג פון זעען..
פריװאַטע פראַכטפולע געבײדעס, רעגירונגס פלעצער מיט
שײנע אַרכיטעקטור, פּאַרקן, מוזײאומס, קאָנגרעס געבײדע און
פאַרשידענע היסטאָרישע פלעצער.

געקומען אין ניו יאָרק, װאו אונזערע פרײנט, מ. באָראָכאָװיטש.
די פּרוכטענבערגס, און מײן פלימעניק ש. שטערנזעער האָבן
מיך אָפּגעװאַרט בײם באַן.

איך האָב דערװאַרט, אז טאָמיק זאָל פאָרקומען א גרעסערער
צוזאַמענקום פון די לײענער פון אונזער בולעטין װי בכלל
פון אונזערע לאַנדסלײט, בײ די פּרוכטענבערגס אין הויז
אָבער, די זשעלעכאָװער אין ניו יאָרק, װילן נאָך אלץ, װײזט או
זײן אָן אויסנאַם, און ניט טאָן עפּעס פאַר אונזערע..
בלויז עטלאַכע זײנען געקומען. די פאַרזאַמלונג איז אָפּגעלײגט געװאָרן, און אלץ איז װײטער געבליבן בײם אלטן...
הײנט, דאָנערשטיק, אװנט, פאָר איך אָפּ מיט דער שיף, קװין-
מערי קײן פּאַריז. איך װאונטש אלע אונזערע לײענער א גוט
און געזונט יאָר און ניט פאַרגעסן אונזער הײליקע אַרבעט.

פריינט לייבוש האָט אונז צוגעזאָגט שרייבן זיינע איינדריקן פון אונזער גרויסער זשעלעכאָווער משפחה אין פראנקרייך, ווי אויך פון אנדערע לענדער. מיר דערוואַרטן גריסן פון אונזערע לאנדסלייט און ספעציעל, פון אונזער אקטיווער גרופּע אין פאריז. נאָכאמאָל אַ הארציקן פאָר געזונט און קום געזונט..

אברהם ראָכווערגער בוינעס איירעס

באגריסונג צום 2 יעריקן יובילייאום פון בולעטין

א קליינע גרופע, אונטער דער אָנפירונג פון אונזער טייערן חבר און פריינט, לייבוש הייסלעדער, האָט באוויזן צו שאפן א אָרגאניזאציע, די „זשעלעכאָווער לאנדסמאנשאפט", ווי אויך ארויסגעבן א שריפט שוין 2 יאָר צייט.

מיט דעם בולעטין האָט איר באוויזן אויפצוטאָן עפעס, וואָס אפילו גאָר גרויסע אָרגאניזאציעס, קאָנען ניט טאָן.

טאקע, ביי אונז אין ארגענטינע, איז מען אונז מקנא מיט אונזער בולעטין. און מיר אלע, דאָ, זיינען באמת שטאָלץ.

און ווען עס קומט אזא פייערלאכער מאָמענט, ווי דער 2 יעריקער יובילייאום, איז פאר אונז א גרויסער כבוד צו באגריסן דער רעדאקציע פון בולעטין, אונטער דער פירערשאפט פון אונזער הארציקן פריינט, לייבוש.

24 נומערן, דאָס איז ניט קיין קליניקייט. מיר וואונטשן, אז דער בולעטין זאָל אויסוואקסן און ווערן א גרויסער חודש ליטערארישער זשורנאל. און זאָל דער בולעטין ווייטער ווי ביז איצט, אינספירירן אלע זשעלעכאָווער איבער דער גאָרער וועלט ווייטער צו שפינען דעם גאָלדענעם פאָדים פון אונזער שיינער קולטור ארבעט וואָס מיר האָבן אמאָל געפירט אין אונזער שטעטל.

מיר ווילן אויך באגריסן אלע אונזערע פריינט, וואָס נעמען אנטייל אין אונזער שריפטל. א באזונדערן הארציקן דאנק די פריינט, שאָלעק און אסתר אלטמאן, פאר זייער „שלאָגן דעם רעקאָרד" מיט זייערע טרעפלאכע ארבעטן וואס גיבן צו אינהאלט גלאנץ און חשיבות אונזער בולעטין. מיר וואונטשן זיי ניט ווערן מיד, נאָר ארבעטן ווייטער פאר דער פארשענערונג פון אונזער אויסגאבע. און מיר אלע זשעלעכאָווער, דאָ אין

ארגענטינע,זאָגן צו פײערלאך צו שטיצן און פארזיכערן די עקזיסטענץ פון אונזער בולעטין. אלס אויסדרוק פון אונזער צוזאָג,באשטײערן מיר זיך מיט 330 פעזעס.
ישראל אײזענשלאָס,משה ראָזענבערג,משה פראָעטזאָן,איטשע ליפשיץ,ע.קאָטמאן,ם.קאָסמאן,ש.קאָסמאן,משה פאסטמאן,לײבל פאסטמאן,גאָדיל נאכטײלער,ש.זק.נאכטײלער,פסך װײנציער, משה װײנציער,אלטער װײנציער,משה דאנאָװיטש,זישע װײנציער, מאיר שלאק,דאָחטשע ראָטמאן,װאָלף שיפערמאן,יאָסל רובינשטײן לאה קאץ,דע קורצאָג,פרײדע נאדלער,הערשל דרעס,װיגדער אגרעסט,שײנדיל פעלדמאן ז׳ע אגרעסט,טאָפטשע גרושעצקי, דע מענדעזשיצקי,רחל װײנציער דע גובער,הערשל קיעװסקי, אסתר ליפשיץ,פעלטי װאניעװיטש,משה ראָטערמאן און אברהם ראָכװערגער.

באמערקונג.
מיר דאנקען הארציק אונזערע פרײנט פון בוינעס אײרעס און מיר פארזיכערן אײך,אז מיר װעלן ניט מיד װערן פון אונזער ארבעט,נאָר מיט מער עקשנות װײטער אָנגײן אף אונזער אָנגעצײכנטן װעג,דער װעג פון העלפן אלע אונזערע אף יענער זײט,שטעלן זיך אף די פיס,צוריקקריגן די מענטש. חשיבות,די מענטשלאכע װירדע. אזעלכע בריװלאך,װי אײערס דערמוטיקן און שטארקן אונזערע הענט.נײן! ניט אלע זײנען װי אין ניו יאָרק.. נאָך אמאָל,אין נאָמען פון דער רעד. א הארציקן דאנק,טײערע פרײנט. א ספעציעלן דאנק אונזער אלטן חבר און פרײנט,אברהם ראָכװערגער. ש.א.

הילף געשיקט לעצטנס

פאר דער װינטער אקציע אין פוילן.
פון דער זשעלעכאָװער גרופע אין באראנקילא 30 דאלאר.

פון דער זשעלעכאָװער גרופע אין אויסטראליע
פאר דעם װײסנבערג בולעטין .... 104.50 דאלאר

12 סװעטערס,װאָלענע געשיקט קײן פוילן

צוזאמען מיט דעם שיקן ...... 56 דאלאר.

קולטור און פראָפאגאנדע

שאָלעק אלטמאן

(צװײטער ארטיקל)

מיר האָבן אין א פריערדיקן ארטיקל,פרובירט קלאָר מאכן דעם אונטערשיד,פון די אויבדערמאָנטע צװײ באגריפן.

בשעת קולטור מײנט,גײסטיקער אינטעלעקטועלער, שטענדיקער אומרו,מיט אײן װאָרט,דינאמישקײט,באנוגנט זיך,פראָפאגאנדע, מיט פארשפרײטן דעם אלטן פעסטגעשטעלטן אמת,דאָס לעצטע קאנאָניזירטע װאָרט,אין װעלכן מען טאָר ניט צװײפלן,אָדער אָפפרעגן.

קוים װאגט מען,חלילה,עפעס א צװײפל טאָן,װערט איר,גלײך א שונא,א פארעטער,און שטעלט זיך מיט.דעם,גלײך אין די רײען פון די ערגסטע ,פון דער מענטשהײט.. דאָס װײטערדיקע, איז נאטירלאך,אפהײנגיק,אין װעמען איר צװײפלט,װעלכע פארטײ איר האט געװאגט אָנצוזירן..

צװײפלט איר צ.ב.אין דער לעצטער פארטײ רעזאָלוציע פון א רעװאָלוציאָנערער פארטײ,זײנט איר גלײך א קעגנער פון גאנצן ארבעטער קלאס,פון גאנצן אָרימען פאָלק.ניט א האָר װײניקער.

דערלויבט איר זיך,א צװײפל טאָן אין דער ציוניסטישער פארטײ צ.ב. װערט איר באלד א שונא פון גאנצן ײדישן פאָלק.

מיט אײן װאָרט,פראָפאגאנדע,לאָזט אײך ניט איבער צופיל פרײהײט צו טראכטן,אָדער פאר אײגענער,אינדיװידועלער איניציאטיװע.טראכטן,צװײפלן,דאס לאָז איבער פאר אונז דײנע פירער.אלץ װאָס מיר פארלאנגען פון אײך,פשוטע מיטג. איז פאָלגן און נאָכזאָגן.אויספירן אונזערע באשלוסן.

און צו זײן גערעכט צו פארטײען,ספעציעל ײדישע,מוזן מיר זאָגן,אז זײ האָבן געטאָן גוטע ארבעט אף דער ײדישער גאס.זײ האָבן געבראכט א רענעסאנס אין דעם ײדישן לעבן. זײ האָבן צעאקערט א פארװאָרלאָזט פעלד,און װי פּיאָטער דער גרויסער,האָבן זײ אויפגעעפנט א פענצטער ,אז עס זאָל ארײן אביסל אײראָפּײאישע לופט....

אָבער,מיט זײער גוטן בײטראג,פאָליטישן,סאָציאלן און זאָגאר דערציערישן,האָבן זײ ,מאנכעסמאָל,געבראכט א פולשטענדיק גײסטיקן חורבן אין ײדישן לעבן.

א חורבן, װאָס לאָזט זיך פילן אף שריט און טריט,װען איר באגעגנט זיך מיט א ײדישן ײנגערמאן,דערצויגן אף דער באנאלער, סקארבאָװער פארטײ ־שפראך און פארטײ־רעזאָלוציעס.

פארטײען, װי געזאָגט, טוען געװיסע גוטע ארבעטן. זײ מאכן זײערע אנהענגער פאָליטיש רײף צו געװיסע סאָציאלע און פאָליטישע פראָבלעמען. גענוג צו כאפן א בליק אף יענע ײדן װאָס זײנען פארבליבן װאוינען אין די אזיאטישע לענדער, װאו עס זײנען ניט געװען קײן פאָליטישע פארטײען, צו זעען װי זײ זײנען געבליבן לחלוטין אפגעשטאנען, פאָליטיש און קולטורעל.

מיט דער אנטשטײאונג פון א פאָליטישע פארטײ, אין אונזער פאל, די ציוניסטישע, הױבט זיך גלײכצײטיק, דער גײסטיקער און קולטורעלער מצב פון יענע פארװאָרלאָזטע ײדן. עס איז די צ. פארטײ װאָס האָט ארײנגעבלאָזן א נײעם גלויבן, א נײעם גײסט אין אויסגעלאָשענע הערצער.

האָפענונג, איז זײער א דעליקאטער ענין. מיר אלע מוזן דאָס האבן אין אונזער לעבן. די פארטײען ברײנגען דאס אין א פולער מאָס. דאס איז דער רײן פסיכאָלאָגישער עלעמענט. פאראן נאָך א פונקט, דער רײן דערציערישער. פארטײען האָבן געבראכט אויפקלערונג, בילדונג אף דער ײדישער גאס. גענוג צו דערמאָנען, די אָװנט שולן, קלובן, דראם סעקציעס, פארײנען, ספאָרט געזעלשאפטן און פראָפ. פארײנען כדי צו זעען דעם גװאלטיקן פארנעם פון אלע פארשידענע, סאָציאלע און קולטור טעטיקײטן פון פארט. דער בונד״ צ.ב. האט געשאפן א נעץ פון קינדער שולן װאָס״ זײנען געװען א שטאָלץ פאר יעדן ײד װעמען סאיז ליב און טײער דאָס ײדישע און װעלטלאכע קולטור לעבן.

די ציוניסטישע פארטײ, א צװײטער עקסטרעם, האט פון איר זײט געבראכט האָפענונג און גלויבן אין די הערצער פון טויזנטער ײדן צעשפרײט איבער דער גאנצער װעלט. געװען א שטראל האָפענונג אין דעם חושכדיקן לעבן. עס איז געװען אף עפעס צו װארטן.. איז די קעגנװארט געװען פינצטער, איז אבער די װײטע צוקונפט, דער מאָרגן, געװען לויטער און רײן . עס האָט זיך געלוינט צו לײדן און װארטן, געװען אף װאָס צו האָפן. די װײטע געגארטע צוקונפט האָט גערײצט און געלאָקט מיט אזויפיל צוגעזאָגטע, ניט פארװירקלאכטע, טרוימען.

בין איך דער לעצטער צו מינימיזירן די גוטע ארבעט פון די פארטײען אף דער ײדישער גאס. זײ צװאונגען דעם יחיד, דעם דורכשניטלאכן מענטשן אנטײלצונעמען אין געזעלשאפטלאכע פראָבלעמען. ער, משה, יאָסל, חײם, קאָן מיט דער הילף פון רבים, פארטײ, גרופע אויפטאָן װאונדער. אָרגאניזירטערהײט, צוזאמען מיט אנדערע װװ״ קאָן ער, דער אײנציקער, אויפטאָן װאונדער. דאס איז צום קרעדיט פון די פארטײען.

צוזאמען, אבער, מיט דער גוטער ארבעט, האָבן די פארט.

גװאַלטיקע מינוסן. זײ האָבן,אין פארלויף פון יאָרן,אויס־
דרעסירט,אויסגעפאָרמירט א קאָנאָניזירטן,ענג פארטײאישן
בליק,ניט קולטורעלן,אף סאָציאַלע,רײן ײדישע און װעלט־
לאַכע פּראָבלעמען. זײ האָבן אָנגעטאָן באַשטימטע ברילן אף
די אויגן פון זײערע אנהענגער.קוק אזוי און ניט אנדערש.
זײ האָבן אָנגעטאָן,רויטע,בלויע און אנדערע קאָלירן ברילן,
אז זײערע אנהענגער זאָלן זען בלויז יענע זאכן װאס די
פארטײ װיל זאָל געזען װערן.ניט מער..
אשאָד באמת. איר װערט, מאנכעסמאָל,איבעראשט װען איר
שמועסט מיט א פארטײמאן,און זאָל אײך גאָט העלפן,אז איר
זאָלט אומשולדיקערהײט,אָנרירן א קלײניקײט פון זײן פארטײ.
איך האָב דאָ אײנזינען א העכסט אינטעליגענטע פרוי,װאָס
פארמאָגט א פײנעם,קולטורעלן צוגאנג צו פראגן פון מענטש.
קולטור שאפונגען. שטודירט א װעלט,באזיצט שפּראַכן און
איז קלוג ביז גאָר.. און דיזעלבע פרוי װערט זײער און
זײער אײנזײטיק װען איר דערלויבט זיך בלויז אקריטיקיר־
טאָן איר פארטײ.. דאמאָלט פאלן אװעק אלע כללים װעגן
קולטורעלן צוגאנג , װאָס זי האָט שטענדיק,און עס בלײבט
איבער פאַרטײמאַן,ניט מער.. איז דאָס געװאוינהײט אָדער
פוילקײט א טראכט צו טאָן אין אנײער ריכטונג,אָנהויבן א
נײע טערמינאָלאָגיע ? װער װײס. װי די זאך זאָל ניט זײן,
איז דער דאָזיקער שמאָלער,ניט קולטורעלער פּראָפּאגאנדיס־
טישער צוגאנג א פאלטשער און א שעדלאכער. און װאָס שנעלער
מיר װעלן זיך פון דעם באפרײען,אלץ געזונטער פאר אונזער
גײסטיקן לעבן. דער דאָזיקער כאָמעט האמעװעט און דערלאָזט
אונז ניט הנאה צו האבן אין דער פולער מאָס,פון דער
שײנקײט און רײכקײט פון אמתן קולטור לעבן.
אָט נעמט א בײשפּיל..
מיט יאָרן צוריק,בײ א פארזאמלונג פון אינטערנאציאָנאלן
אָרדן אין ניו יאָרק. א גרויסע פארזאמלונג.א חבר האלט א
רײדע װעגן דער קאפּיטאליסטישער פרעסע. ער װײזט אָן װי די
קאפּיטאליסטישע צײטונגען פארדרײען דעם קאָפּ און פארסמען
די קעפּ פון די ארבײטער,צעדרײען פאקטן און דערצײלן
ליגנס.דעריבער,קומט דער רעדנער,צום אויספיר, אז קײן
שום ארבײטער טאָר ניט לײענען קײן קאפּיט. צײטונגען.
דערװײל ,האט פאסירט א טשיקאװע זאך. בשעתן רײדן,האָט א
מיטגליד דערזען א טײמז־ ארויסטארטשן פון דעם רעדנערס
קעשענע,און הימל עפן זיך.. דער חבר האָט זיך אויפגעשטעלט
און געפאָדערט א דערקלערונג אף דעם דאָזיקן־פארברעכן־..
װי אזוי מעג ער,דער פירער, זיך דערלויבן אזא זאך.??
ניט װיכטיק די דערקלערונגען פון דעם רעדנער,אז ער מוז
לײענען,כדי צו װיסן װאָס צו ענטפערן די קעגנער א.א.װ...
אונזער מיטגליד האָט געזאָטן פון כעס און זיך ניט געקאָנט
באַרויקן..ער איז געבליבן אומצופרידן פון די ענטפערס.

אָט צו אזא־קולטורעלער – שטופע האט מען דערפירט גוטע
ײדישע ארבײטער. אזוי האָט מען עס דערהויבן דעם ײדישן
מענטשן. אנשטאט זײן זיכער מיט אונזער געפרײדיקטן
אמת, זײן זיכער מיט אונזערע מיטגלידער, האָבן מיר מורא,
טאָמער װעלן זײ נעבעך פארפירט װערן. אנשטאט זײן
זיכער, אז קײן שום פּאָליטישע, קעגנערישע צײטונג אָדער
רײד, קאָנען אָפּשװאכן דעם באשטימטן אמת, באהאלט זיך דער
פּראָפּ. אונטער אן אומשולדיק מאנטל, לײען ניט, װעסטו
פארשפּאָרן צו טראכטן.
װײזט אויס, אז דער פּ. אנהענגער האָט ניט צופיל צוטרוי
און גלויבן אין דער אינטעליגענץ פון זײנע אנהענגער.
ער געטרויט זײ ניט. ער, דער פירער, מעג יאָ, נאָר זײ די
שעפעלאך, זײ קאָן מען ניט געטרויען.. זײ די גײסטיק־
שװאכינקע, זײ קאָנען זיך ניט אָריענטירן װי געהעריק,
קאָנען נאָך חלילה אװעק פון דער פארטײ.. װאָס, װאָס, דער
פארטײמענטש װיל ניט פארלירן קײן קונים..
אפשר, טראכט איך, איז יענער מיטגליד פון אָרדן יאָ געװען
גערעכט ? ער האָט, אינסטינקטיװ, דערפילט, אז דער פירער
זײנער האָט אים, דעם אלטן אויספּרובירטן רעװאָלוציאָנער,
טיף מענטשלאך באלײדיקט.. דערפאר זײן אויפרעגונג און
כעס.
נעמט נאָך א פאל...
לעצטנס האָט מען מיר איבערגעגעבן דעם פּאָסטן צו פארקויפ
פון דער ײדישער ענציקלאָפּעדיע. כאָטש איך טויג מיך
װײניק אויס פאר אזא סאָרט ארבײט, דאָך האָב איך אָנגענומען
װאָס טוט ניט א ײד פאר דער ײדישער קולטור. ספּעציעל
פאר אזא װיכטיקע אינסטיטוציע. נו, טרעף איך א ײדן,
טענות און טענות...קודם כל, איז די ענציקלאָפּעדיע
ארויסגעגעבן פון דער „געלער קליקע”, מיט װעמען ער,
אלס רעװאָלוציאָנער, װיל ניט האָבן צו טאָן. צװײטנס,
גלאָריפיצירט מען דאָרטן צופיל „אײבעלען”, װאָס האט
געהײסן װארפן באָמבעס אף רוסלאנד. נאטירלאך, אז מיט
אזעלכע מענטשן װיל ער ניט האָבן צו טאָן... עס איז
גענוג געװען, אז ער זאָל דערזען דעם נאָמען, רפאל
אבראמאָװיטש, אז ער זאָל װערן א פארציטערטער..
לאָמיר זען װיפיל איז מײן חבר גערעכט, און װיפיל איז
ער א קרבן פון פארטײ לערע..
איך מוז דא מודה זײן, אז איך װײס ניט, צי „אײבעלע”, װי
ער האט ליב צו רופן אין א סארקאסטישן טאָן, אב. קאהן,
האָט טאקע געהײסן באָמבאדירן רוסלאנד מיט אטאָמישע
כלים. שוין גאנץ לאנג ניט געלײענט דעם „פאָרװערטס”.
אָבער, פרעג איך, װאסער שײכות האט דאָס מיט דער ענציק.

זעט װי קלײן און שמאָלקעפיק אונזער פארטײ מענטש טראכט. ער קאָן ניט, צוליב רײן פאָליטישע טעמים, פארשטײן, אז די ענציקלאָפעדיע, פונקט װי יעדער קולטור באשאף, קאָן בשום אופן ניט געמאָסטן װערן מיט אפאָליטישן מאסשטאב.. אָדער מיט דער לעצטער פארטײ רעזאָלוציע.

װען מיר רײדן פון קולטור, האבן מיר אינזינען הויפטזעכלאך, דעם רײן יחידישן בײטראג פון דעם באשטימטן פערזאָן. זײן אײגנארטיקער צושטײער צו דער פאנאָראמע, װאָס רופט זיך מענטשלאכער קולטור. דאָס װאס טײלט אים, דעם יחיד אויס פון זײנע מיטמענטשן. דאס איז פאר אונז װיכטיק. און איר קאָנט ניט, אפילו איר זאָלט װעלן, פארלײקענען אב. קאהנס בײטראג צום ײדישן זשורנאליזם, אפילו איר זײט מיט אים ניט אײנשטימיק אין פארשידענע סאָציאלע און פאָליטישע פראָבלעמען. אב. קאהן איז דער גרינדער, באשאפער פון דער גרעסטער ײדישער צײטונג אין אמעריקע. גוטע צי שלעכטע, איז אין אונזער פאל, ניט װיכטיק. איר קאָנט אים ניט איגנאָרירן. די ענציקלאָפעדיע איז ניט קײן פארטײ אויסגאבע, נײערט, א װעלט מיט װיסן. אינפאָרמאציע, אָביעקטיװע און ניט קײן געפארבטע. א זאמלונג פון אלע מענטשלאכע שאפונגען, אין אונזער פאל, רײן ײדישע. אויסלאָזן עמיצן צוליב רײן פאָליטישע מאָטיװן, איז פאלטש און ניט אויסגעהאלטן.

מיר טאָרן ניט זוכן װאָס דער יחיד פארמאָגט ניט, נאָר װאָס ער האָט געשאפן, בײגעטראָגן.

די װעלט געדײנקט אָסקאר װײלד, דעם גרויסן ענגלישן שרײבער און עסטעט, ניט צוליב זײן פריװאט לעבן, װאָס איז געװען זײער שמוציק און פארדאָרבן, געשטאָרבן אין תפיסה פון ניט קײן שײנער קראנקײט. מיט אײן װאָרט, געװען א פשוטער זשוליק. און דאָך, האָט די װעלט פארגעסן זײנע ניט מאָראלישע אויפירונגען, און געדײנקט בלויז זײן אײגנארטיק רײן יחידישער בײטראג צום היכל פון מענטשלאכער קולטור. זײן בוך „פראָפונדוס", װאס איז אגב, איבערזעצט אין ײדיש, געשריבן" אין תפיסה, איז א װאונדערבארער מענטשלאכער דאָקומענט און קונסט װערק. דאָס געדײנקט די װעלט. און מיט רעכט.

פ. בײקאָן, דער ענגלישער פילאָזאָף, איז געװען א פאָליטישער שאכער מאכער און זשוליק. געװען ארעסטירט פאר פאלטשע ניט מאָראלישע טאטן. און דאָך, האָט די טראכטנדיקע װעלט דאָס פארגעסן, אחוץ זײנע פילאָזאָפישע עסײען, װאס זײנען א גרויסער צושטײער צום פילאָזאָפישן טראכטן און דײנקען.

טשאיקאָװסקין געדײנקען מיר, ניט צוליב זײנע סעקסועלע, ניט מאָראלישע נײגונגען, נאָר פאר זײן געניאלן בײטראג צו דער װעלט פון מוזיק.

מיר װאָלטן דעם צעטל געקאָנט פארגרעסערן אין די הונדערטער כדי צו װײזן, אז מען קאָן ניט און מען טאָר ניט

מעסטן יחידים,שפעטער,מיט אן ענג־פארטײאישן,שמאָלן,ניט קולטורעלן,מאסשטאב.

װאָס האט דער באשטימטער פערזאָן אויפגעטאָן,איז פאר אונז װיכטיק,ניט דאָס װאָס ער האט פארפעלט צו טאָן. דאָס װאָס הויבט דעם יחיד ארויס העכער פון זײנע מיטמענטשן,דאָס מאכט אים אינטערסאנט פאר אונז. עס איז דאָס אײגנארטיק, אינדיװידועלע װאָרט װאָס גיט צו עפעס שענערס און בעסערס צו אונזער מאָנאָטאָן,מאנכעסמאָל, לעבן. נאָר אין דעם זין קאָנען מיר,מעגן מיר,מעסטן געזעלשאפטלאכע מענטשן,נאָר אף אזא אופן קאָנען מיר מעסטן,שרײבער און קינסטלער. פאָלן,דעריבער,אװעק אלע פאָליטישע חשבונות..נאָר אין דעם זין מעג מען פרײנט משפטן די ײדישע ענציקלאָפעדיע.

דער נאָמען ר. אבראמאָװיטש,איז גענוג געװען פאר מײן חבר,צו װארפן אן אומחן,מבטל מאכן אזא פײנע און באמת, װיכטיקע ײדישע קולטור אונטערנעמונג,װי די ײדישע ענצ.. פארזעענדיק,אז אחוץ אבראמאָװיטש,געפונען זיך אזעלכע גרויסע ײדישע געלערטע,װי דר.שאצקי,א.מענעס,דר.ברוצקוס, דר. א.שטײנבערג,און די גרעסטע ײדישע געלערטע...

אין אונזער שטעטל,האָט זיך אמאָל א בונדאָװיעץ, ניט קײן גװאלדיקער חכם,אָפגעזאָגט קויפן א בילדל פון ק. מארקס,װײל...עס איז געװען ארויסגעגעבן פון פועלי־ציוניסטישן פארלאג „ארבעטער הײם.” נײן,האָט ער געטענהט, א פ. צ. קארל מארקס װיל ער ניט. אמת קאָמיש? יאָ,אזוי זעט אוי דער פאָליטישער צוגאנג צו א רײן קולטור באשאף.

און אט איז נאָך א קוריאָזער פאל.א װיטגײענדיקער און װיכטיק פאר יענע װאָס װילן פארזעען די מינוסן פון פראָפאגאנדע..

חבר ב.איז אן אלטער בונדיסט.זאָגאר געװען א מיטארבעטער אין א צײטונג.דאָס הײסט,מיר האָבן שוין ניט קײן פינצטערן עלעמענט,װי מען פלעגט בײ אונז רופן־־זאָגט ער מיר,איר הײסט פרײנט אלטמאן, איך גײ צוריקשיקן די 3 בענד ײדן. ד.ה.די 3 בענד ײדישע ענציקלאָפעדיע,װאָס נעמען ארום דאָס גאנצע ײדישע לעבן,אלטע און נײע.זײ געפעלן מיר ניט, זײ זײנען צופיל ...כפול שמונעדיק,...זײנע װערטער.. אין אָנהויבן בין איך געבליבן אביסל דערשטוינט,ניט געװאָלט גלויבן מײנע אײגענע אויערן. הי אזוי איז דאָס מעגלאך?? א ײדישער ײנגערמאן,א קלאסן באװאוסטזיניקער ,װי מען פלעגט אמאָל ליב האָבן צו רופן,פארשטײט,אז מען דארף און מען מעג שרײבן אין די ערשטע בענד,פון אזיע,ארמעניע, אונגארן,און אפילו פון אזא „ריזיקע”מדינה װי אורעגװײ... דאָס מעג מען.און ער ,דער ײדישער ארבעטער,אויפגעקלערטער װעט אָפגעבן צײט,און לײענען.דאָס איז אים קלאָר..אָבער ער ,דער חבר,טיט דער ליניע,(די ליניע) זאָל זיך אװעקזעצן און שטודירן דאָס ײדישע לעבן? דאָס ניט.

טאַקע, ווי מעג ער, דער ררעוואָלוציאָנער, שטודירן אזא ריין בורזשואַזנעם ענין, ווי יידישע געשיכטע, עס קאָן נאָך אים פאַרשאַטן צו זיין קאָסמאָפּאָליטיזם..

אָט אזוי זעט אויס די לערע פון אונזערע פאַרטייען. עס איז שווער צו גלייבן, אז ביניש, מעדעם, ערליך א.א. זיינען אויסן געווען צו געבן זייערע אנהענגער אזא אומקולטורעלער דערציִונג, אָבער, דאָס איז דער רעזולטאַט פון שמאָלן, ריין פאַרטייאישן צוגאַנג צו קולטור־שאַפונגען מיט א פאַרטיירעזאָלוציע..

דיינקט איר, אפשר, אז די ענציקלאָפּעדיע פאַרנעמט זיך, חלילה, מיט באַקעמפן דעם בונד?! כאַפּטזשע א בליק אָף א קליינעם טייל קעפּלאַך ...יידישע מיסטיק, רעליגיע, עטיק, נביאים, שפּראַכן, קונסט, מאָלערײ, געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, יידישע עקאָנאָמיק, פאַרטייען און טויזנטער אנדערע זאַכן און געגנשטאַנדן, און פון דעם אלעם, ווייל זיך דער פאַרטיימאַן, קאָסמאָפּאָליט, אויסגעהוילט פון גאַנצן יידישן לעבן, לחלוטין, אָפּזאָגן, ווייל...עס שטימט ניט מיט דער לערע פון זיין פאַרטיי

איך טרייב גאָר ניט איבער, ליבע פריינט.

אזוי טראַכט, ניין זאָגט נאָך, דער פּראָפּאַגאַנדיסט זיינע, פירער און לערער, און ניט איינמאָל, פאַרקריפּלטערהייט..

ווי אזוי מעג זיך א קולטור מענטש, אָפּזאָגן צו לייענען וועגן בודיזם, שפּינאָזעס פילאָזאָפיע, קריסטענטום אָדער גאָר קבלה, בלויז דערפאַר, וואָס ער גלייבט ניט אין דעם.

עס האַנדלט זיך דאָך ניט וועגן גלויבן, נאָר אין וויסן און וויסן ניט מער. ווייל קומענדיק אין באַריר מיט די גרויסע שעפער און גייסטער, ווערט אונזער אייגן לעבן רייכער, אינטערעסאַנטער און פילפאַרביקער. ווי אזוי מעגן מיר זיך פון דעם אלעם אָפּזאָגן?! זיך אליין באַרויבן פון דער הנאה צו געניסן פון דער מענטשלעכער קולטור, צוליב א פאַרטיי־רעזאָלוציע, איז פּשוטער אומזין, ניט ווייניקער.

ווי געזאָגט, פאַרטייען האָבן געטאָן גוטע אַרבעט, זיי האָבן אָבער, צו דער זעלבער צייט, געבראַכט א גייסטיקן חורבן אין די מוחות פון טויזנטער, גוט טיינענדיקע, יידישע אַרבייטער. אין דעם ליגט דער גרויסער מינוס פון פּראָפּאַגאַנדע. זיי, די פּ. אנהענגער, טוען אָן באַשטימטע ברילן אף די אויגן פון זייערע מיטגלידער.

מען דאַרף קאָנען אונטערשיידן צווישן אמתע קולטור און פּראָפּאַגאַנדע. מענטשלעכע אייביקע, אוניווערסאַלע, שאַפונגען, און פאַרטיי־רעזאָלוציעס, וואָס פאַרשווינדן מיט דעם ווינט.

(3טער אַרטיקל אין קומענדן נומער)

ש.א.

טראכטונגען. (1

מענטשלאכקײט.װאָסער טײער װאָרט און אזוי זעלטן. אפשר דערפאר טאקע,װײל אזוי זעלטן,װײסן מיר דאָס אָפּצושאצן װען מיר קומען אין באריר מיט דעם דאָזיקן באגריף.

מענש.איז אן אפסטראקטער באגריף,פונקט װי,שײנקײט, גערעכטיקײט,גוטסקײט א.א.װ. און דאָך,פארמאָגט עס אזא גװאלטיקע קראפט..

אלע אויסגעחלומטע קאָנצעפּציעס,אונזערע,זײנען,מאנכעס-מאָל,מער רעאליסטיש װי די רעאליטעט גופא.

קײנער פון אונז האָט נאָך ניט געזען „מענטשלאכקײט" ארומשפאצירן אין דער גאס,קײנער פון אונז,קאָן ניט באשרײבן דעם פאקטישן אויסזען פון דעם דאָזיקן באגריף. עס האָט בכלל ניט קײן חומרדיקן אויסזען. און דאָך, װער קאָן און װעט לײקענען די עקזיסטענץ פון רײן אפסטראקטע באגריפן??

קאָנצעפּציעס,אָדער אפסטראקטע באגריפן,אידײען,סימבאָליזירן פארקערפּערן אָן א שיעור,מענטשלאכע דערפארונגען און באגערן צו זעען אונזער װעלט אין א באשטימט מאָראליש ליכט.. די דאָזיקע אויגעחלומטע אידײען,אָדער פארגליװערטע סטימונגען, זײנען,אדאנק אונזער װילן,געװאָרן רעאליטעט, אין פולן זין פון װאָרט. זײ, די אפסטראקטע באגריפן,לעבן און װירקן מיט א געװאלטיקער קראפט.

- ער האָט געהאנדלט מענטשלאך,"

ער האָט געטאָן א גוטע מענטשלאכע טאט".. און מיר װײסן, „פארשטײען,װאָס מיר מײנען מיט דעם זאָג..באָטש,עס איז זײער שװער צו דעפינירן גענוי דעם באטײט פון דער אפסטראקציע..דאָך, װײסן מיר אלע, אז אידײען זײנען די פארקערפּערונג פון אלץ,װאָס איז שײן און גוט אין אונזער לעבן. „מענטשלאכקײט",איז דער טאָטאל גוטסקײט,סכום עטישקײט,װאָס דארף און מוז זײן דאָס אײגנטום פון יעדן אײנעם פון אונז. עס איז אונזער חלום פון א מענטש און פולן גלאנץ פון זײן מאָראלישער הויכקײט..

גרויסע דײנקער,װי פלאטאָ צ.ב.האָבן געזוכט אן ענטפער אף די דאָזיקע ,קאָמפּליצירטע פראָבלעמען און פרובירט זײ פארענטפערן אף זײער,אײגנארטיקן אופן. פ.האלט,אז עס זײנען פאראן צװײ װעלטן,די נאָמינאלע און די פעמינאלע. אן אמתע,רעאלע װעלט,דאָרטן װאו אונזערע נשמות האָבן געלעבט אײדער זײ זײנען ארונטערגעקומען אף אונזער

וועלט, דאָרטן וואו אידייען שפּאַצירן ארום פראנק און פריי, און אונזער שאָטנדיקע וועלט אין וועלכע מיר לעבן. וואָס איז ניט מער ווי אן אָפּשיין, אָפּגלאנץ, פון יענער וועלט, די אמתע, דאָרטן וואו עס לעבן אונזערע נשמות, וואָס זיינען סובסטאנצן, טיילן פון דער געטלאכקייט גופא. ווען מיר קומען ארונטער אף אונזער וועלטל, ברייננגען מיר מיט, טיילן פון יענע אפּסטראקציעס, וואָס זיינען אין אונזער לעבן ניט פאראן. ד.ה. מיר אָפּערירן מיט באגריפן פון יענער וועלט..

ווי איר זעט, איז פאראן א היפּש ביסל מיסטיק אין פּ. דערקלערונגען, וואָס דערמאָנען אונז אין אונזער אמאָליק־יינגע יאָרן, אז דער מלאך גיט אונז א שנעל אין דער נאָז איידער מיר ווערן געבוירן און אזוי ארום, פארגעסן מיר אלץ, וואָס מיר האָבן דאָרטן ..געזען..

דער געדאנק אָבער, פלאטאָס, רעגט אָן א טראכט צו טאָן וועגן יענע ריין אינטעלעקטועלע ענינים. עס רייצט און אינספּירירט.

עס זיינען די פארגליווערטע שטימונגען, אונזערע, וואָס גיבן צו אונזער טאָג־טעגלאכקייט, א געוויסן חן און צויבער. עס באריייכערט אונזער לעבן.

וויסנשאפט, אָדער קלאסיפיצירטער וויסן, פארנעמט זיך, בלויז מיט פארנאָטירן, פארשרייבן, פעסטשטעלן, פאקטן. ניט מער. דער „פארוואָס״ אין אונזער לעבן ווערט מיט דעם ניט פארענטפערט. „פארוואָס״ האנדלן מענטשן אזוי און ניט אנדערש, אין באשטימטע סיטואציעס?? דער ריין עטישער צוגאנג צו מענטשלאכע האנדלונגען, דאָס בלייבט איבער פאר, רעליגיעזע פאָרשטייער אָדער ספּקולאטיווע, פילאָזאָפישע דיינקער.

ניט דאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען מיט אונזערע ריין עטישע מאָסן. מיר שטייען נאָך אלץ ביים אָנהויב.. נעמט צ.ב. אזא באגריף ווי מאָרד. אלע האלטן מיר, אז באגיין א מאָרד איז ניט קיין שיינער מאָראלער טאָט. מיר פארדאמען דאָס מיט אונזער פולער קראפט. און דאָך... פאראן פאלן, וואו מיר וועלן בארעכטיקן מאָרד.

וועט עמיצער פון אונז, לאָזן פאלן א טרער, ווען א באנדיט, אָדער אויסוואורף וועט געפירט ווערן צום טויט פאר באגאנגענע פארברעכנס.?? ניין. ווייל אונזערע עטישע, מאָראלע אָפּשאצונגען פון מענטשלאכע טאטן זיינען אונטער וואָרפן פארשידענע ריין־סאָציאלע און פּאָליטישע אידייען. די פראגע וועט שטייען פאר אונז, ווער האָט געמאָרדעט, און צוליב וואָס..

און דאָך, זיינען פאראן, אָן א שיעור, אייביק אוניווערסאלע

װערטן װאָס װעלן קײנמאָל ניט ארויס פון דער מאָדע.

מענטש.װערטן װאס זײנען פארקערפערט און פארװאָרצלט אין אונזער „לעבן.

„מענטשלאכקײט,װעט שטענדיק און אומעטום,פארבלײבן,יענע ״אומדערקלערבארע,מיסטעריע,װאָס װעט שטענדיק װירקן און רײצן אונזער פאנטאזיע,אונזער אינטעלעקט.

גראָד די ניט דערגרײכבארקײט,אינספירירט אונז,אָפטמאָל, שטארקער.

מעגן זיך בײטן גאנצע פּאָליטישע סיסטעמען,מעגן פאָרקומען גאנצע רעװאָלוציעס,דער מענטש,אין זײן תוך,בלײבט דער זעלבער,מיט אלע זײנע גוטע און שלעכטע אײגנשאפטן. איך צװײפל,צי דער נײער מענטש װעט ארויסשפרונגען,װי דורך א שפרונג,אפילו אין דער נײער,געטרוימטער,געזעלשאפט. איך צװײפל אָבער ניט,אז אזוי לאנג װי עס װעלן לעבן מענטשן אף אונזער װעלטל,װעט דער באגריף, מענטשלאכקײט ,דער אויסגעהאָפטענער געװעב פון מענטש. טראכטן און דײנקען,פארבלײבן אײנע פון יענע אומשאצבארע מתנות,רײן געטלאכע,װאָס עס איז אונז געשאָנקען געװאָרן. צי פלאטאָ איז געװען גערעכט צי ניט,לאָמיר האלטן מײער דעם דאָזיקן באגריף.

מענטשלאכקײט,װי זעלטן מײער דו ביזט אונז...

טײערער חבר און פרײנט.

פארגעס ניט,אז ביכער פארקערפערן געדאנקען און אידײען. פירן אונז ארײן אין דער װעלט פון יענע מענטשן,װעמעס טראכטונגען בארײכערן און באפארבן אונזער לעבן. לײענען,מײנט פאקטיש,אײנהערן זיך צו עמיצנס רײד. עס מײנט, לערנען געװאויר װערן עפעס נײעס,אינטערסאנטעס,בארײכערט װערן מיט נײע גײסטיקע װערטן.

די װערק פון א שרײבער,אויב קינסטלעריש, זײנען פאָעמעס,אויסגעזונגענע שטיקער לעבן, פארקערפערט אין גאנצקײטן,װאָס בארײכערן אונזער גײסטיקן האָריזאָנט. עס װערט פאנאנדער געשטופט אונזער קלײנער שטח אף װעלכן מיר לעבן. מיר קריגן אן ארײנבליק אין דעם לעבן פון מענטשן,װאָס זײנען א מוסטער, גוטער צי שלעכטער,פאר אונז. מיר לערנען װעגן זיך. העלפט אונז ארויסגעבן די װערק פון אונזערע שרײבער און שעפער.........

דערמיט ,װאָס איר העלפט ארויסגעבן די װערק פון אונזערע קינסטלער,העלפט איר אויפשטעלן א גײסטיקן מאָנומענט פאר אונזערע נאָענטע און טײערסטע,װאס זײנען אומגעקומען אין אונזער געבורט־שטעטל.

אונזערע שרײבער,אָן אויסנאם,שעפן זײער יניקה פון אונזער קלײנעם שטעטעלע. אלע טיפן,גרופן ,קלאסן און יחידים פון דאָרטן ,װערן װידער אויפגעלעבט אין אונזער געדעכניש װען מיר לײענען די װערק פון אונזערע שעפער און שרײבער.

איר לאכט און װײנט,װען איר שפאצירט דורך,אפילו בלויז אין געדאנק,דורך דעם בלאָטנעם געסל,רבינס הויף,אָדער גאָר בײם הויף ,צעװישן די אלײען.

געהערט אונזער פרײנט ברײנסקי פאָרלײענען א קאפיטל פון זײן נײעם בוך „מענטשן פון זשעלעכאָװ״ אין באָגאטא,און אלע אָן אויסנאם, זשעלעכאָװער און ניט קײן זשעלעכאָװער,האָבן ניט אויפגעהערט צו לאכן ,און הנאה געהאט פון די געשילדערטע טיפן,שנײדער פון אונזער שטעטל...געװען ,באמת,פון װאס צו לאכן. אשטיק אויסגעריסן אײנגעפונדעװעט,אײנגעװאָרצלט,ײדיש,עכט ײדיש,פאָלקסטימלאך לעבן.

ניט בלויז לאכן,איר װעט װײנען,מיט ביטערע טרערן אף אונזער גרויסן,אײביקן בראָך..

אלץ איז פאראן אין די װערק פון אונזערע שרײבער.

מיר װילן איצט,אף א באשײדענעם אופן,אויסבעסערן,דאָס װאָס די גאנצע ײדיש־קולטורעלע װעלט ,האָט פארברעכעריש, פארנאכלעסיקט..איגנאָרירט,געלאָזט,פשוט אויסגײן פון הונגער,אײנעם פון די גרויסע שעפער פון ײדיש קינסטלערישן װאָרט.־־־אונזער װײסנבערג..דאָס נעמט,נאטירלאך,ניט אראָפּ, די שולד, פון אונזערע זשעלעכאָװער איבער דער גאנצער װעלט..אויך מיר,האָבן זײער שװער געזינדיקט...לאָמיר, דעריבער,טײערע פרײנט פארגיטיקן ,אָפּװאשן אונזער שולד,מיט דעם,װאָס מיר װעלן זען ,אז די װערק פון אונזערע שרײבער זאָלן זײן, געלײענט װערן ,בײ יעדן אײנעם פון אונז.. לאָזט אונז גלײך װיסן,װיפיל ביכער איר װילט פאר זיך, פאמיליע,און פאר אײערע פרײנט. ניט פאראן קײן בעסערע מתנה,װי א גוט ײדיש,קינסטלעריש בוך.

מיר טאָרן ניט דערלאָזן ,אז פרײנט ברײנסקיס װערק זאָלן ליגן אין שופלעדל,און ניט פארעפנטלאכט װערן,בשעת, עס איז אזוי גרינג,אויב מיר װילן,ארויסצוגעבן עטלאכע ביכער יעדעס יאָר..

די ביכער פון אונזערע שרײבער דארפן און מוזן באצירן דאָס הויז פון יעדן אײנעם פון אונז.

העלפט אלײן און באװירקט אײערע פרײנט צו העלפן אין אונזער װיכטיקע ארבעט.....

שלמה בריינסקי

מאָנישס טויט.

(פראַגמענט פון בוך „ווען עס טרייסלן זיך פונדאַמענטן״)

מאָניש איז שוין מער ניט אויפגעשטאַנען פון זיין קראַנקען בעט, זינט יענער נאַכט, ווען מען האָט ביי אים רעקווירירט די בלעך נאַפט מיט די טלאַכע פונט ליכט, וואָס ער האָט געפרואווט שמוגלן. דיאַסטמעאָף וואָס ער האָט געקריינקט, נאָך פון פאַר דער מלחמה, ווען ער האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק, האָט זיך איצט מער פאַרשטאַרקט, זיך פאַרברייטערט, אריינגעדרונגען אין גאַנצן קערפער, פאַרשטאָפט אַלע אָטעם-אָרגאַנען און מיט האַסטיקע שפּריינז האָט דער טויט גענומען זיך דערנענטערן.

עס איז שוין געווען אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג.

דאָס לענגלאַך שטאָלע שטיבל איז געווען פאַרהילט אין טונקל. אַ קליין רויט פלעמל פון אַ לעמפּעלע אָן אַ קאַסטור האָט מיט אַ קאַרגער שיין באַלויכטן בלויז דאָס טישל, וואו דאָס לעמפּעלע איז געשטאַנען. מאָנישעס ווייב איז געלעגן אָפן בעט אין אָנטועכץ, איינגעקאָרטשעט, צונויפגעדרייט ווי אַ בייגל און געדרימלט. זי איז נעבעך אַזוי מיד געווען. מאָניש ליגט שוין אַזוי וואָכן נאָכאַנאַנד ווי אַ קלאָץ. עס האַלט אים כסדר אין איין שטיקן, אַ שווערער הוסט בלייבט אים, אַסך מאָל, שטעקן אין סאַמע האַלז, גלייך עס וואָלט ווער אים אריינגעפּאַקט אַ ריזיקע פויסט אין סאַמע גאָרגל אַריין. דאָס גאַנצע פּנים ווערט דאַמאָלט עפּעס מאָדנע אָנגעגאָסן, אַזוי אָנגעבלאָזן, גלייך מען וואָלט אין אים כסדר אריינגעפּאָמפּעט לופט. די אויג גיסן זיך אָן מיט בלוט, ווערן משונהדיק גרויס אזן רייסן זיך צו אַנטלויפן און אַרויסצושפּרינגען. און דאַמאָלט דוכט זיך, אָט, אָט, קומט שוין דער סוף.

ליגט זי איצט אַ פאַרמאַטערטע און דרומלט. אויך מאָניש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין האַלבן דרימל. אַליין ניט וויסנדיק פון וואָס און פון ווען, האָט זיך פון דער האַלב טונקל גענעמען אויסשיילן פאַר זיינע אויגן אַזאַ בילד:

אַ זומערדיקער שבתדיקער פרימאָרגן, דורך די שפּאַרעס פון די לאָדנס רייסן זיך אריין שמאָלע פּאַסן ליכט, וואָס בלאָנזשען און טאַנצן אַרום איבערן צימער ניט קאָנענדיק געפונען קיין אָרט וואו זיך אויסצושפּרייטן. ער ציט אויס די מידע גלידער. ער דערמאָנט זיך, אַז היינט איז שבת און מען דאַרף זיך ניט איילן אָנצוטאָן און לויפן צו דער אַרבעט. און זיין גאַנץ וועזן ווערט אָנגעפילט.זיט אַזאַ מחיהדיקע צופרידנקייט. פון

אנדערן בעט געניצט זײן װײב . װיפיל קאָן שוין איצט זײן
דער זײגער? פרעגט ער,גלאט אזוי,כדי עפעס צו זאָגן. איך
װײס; ענטפערט דאָס װײב,עס טוז שוין זײן ניט זײער פרי.
ער ליגט נאָך אונטער אביסל און טוט זיך אָן. אײדער ער
ער עפנט דעם לאָדן,גיסט אָפ די נעגל און זאָגט אפאָר ײדישע
װערטער,האָט שוין יוכבדל געבראכט פון בעקער אקאכעדיקע
באניע מיט קאװע.א װאוילע ײדענע זײן יוכבדל.פון די אכטצן
גולדן א װאָך װאָלט ניט מעגלאך געװען אויסצוקומען.לערנט
זי צו מיט די מײדלאך,האנדלט מיט א הון ,אן איי,א שטיקל
פוטער אפן יאריד,און מיט זײן ליבן נאָמענס הילף,שטופט
מען װאו עס איז אדורך.

צו גאָר דער גאנצער ענין מיט דער שבתדיקער קאװע.װיפיל
געברענטע צרות האָט זי אויסצושטײן פון דעם צורר היהודים,
דעם בלינדן שמואל,דער בעקער.פונדעסטװעגן האָט זיך נאָך
ניט געמאכט קײן אײנציקער שבת,עס זאָל ניט זײן קײן
הײסע קאװע.

גיסט זי אָן אײן גלאָז,ער בריט זיך און סמאקעװעט,גיסט זי
אים אָן נאָך אײנס,דער בויך װערט פולער,לאָזט ער אביטל נאָך
דעם פאסיק און פרעגט,שוין מיט אביסל ניט דרײטטקײט אין
קול; האָסט אפשר,יוכבדל,נאָך א גלעזל ציקאָריע?

נאָכן מעביר זײן די סדרה,גײט ער דאװענען.ער דאװנט אין
אײן שטיבל מיט זײן באלעבאָס.ר'שמואל.

פון דאװענען גײט ער,כמעט,שטענדיק אהײם גלײך מיטן באלע-
באָס.ר' שלמה מיט די זײן גײען פאָרויט מיט געלאסענע
מאיאסטעטישע טריט און הינטער זײ מאָניש,װיגנדיק זיך מיט
נידעריקן אנגעגאָסענעם קערפער אף די צװײ קורצע און קלעצל-
דיקע פיס.װען זײ קומען צו צום ראָג,װאו דײערע װעגן צעשײדן
זיך,זאָגט מאָניש,א גוטן שבת ר שמואל,און יענער ענטפערט,
א גוטן שבת,א גוט יאָר מאָניש און זײ צעגײען זיך יעדער
אין זײן הײם צו זײן שבתדיקער סעודה.

װי לעבעדיק שײלט זיך איצט אויס יענער שבתדיקער נאָכמיטאג
ער זיצט בײם עסן,ער האלט שוין נאָך די ציבעלעס און װארט
אפן טשאָלענט.עס עפנט זיך די טיר,און עס געשעט דאָס,אף
װאָס מאָניש װארט אײגנטלאך זײן גאנץ לעבן.א חלום װאָס ער
האָט יאָרן לאנג געטראָגן באהאלטן טיף אין הארץ,איז איצט
מקוים געװאָרן.

אחוץ דאָס באדערפעניש פון עסן ,שלאָפן,לויפן צו דער ארבעט
און גײן צװײ מאָל אטאָג אין בית המדרש ארײן,האָט מאָניש
טיף אין הארץ בײ זיך געװארימט א פארלאנג,דערהאלטן א
בריװ אף דער פאָטשט.ער האָט אזוי מקנא געװען די מענטשן
װאָס דערהאלטן בריװ.נאָר ער האָט קײנעם ניט געהאט אין דער
פרעמד. אײן קרוב זײנער האָט יאָ געװאוינט אין א נאָענט
שטעטל,איז ערשטנס,האָט ער ניט געשריבן קײן בריװ,און



עלקעלע אלטמאן, 14 יאָר אלט, צו איר גראַדואירונג פון
„זשוניאָר הײ טקול.״ פון דער ז״ט, די מחותנים, הערשל און
פאנאמא
פרידע אלטמאן.



פרידע
ראזענבערג
צו איהר 3טען
יאהרעגען
געבורטסטאג.
טאכטער פון
עלב און יענטע
ראזענבערג



אברהם און
מנוחה אוגעצקוס
זוהן, צו זיין
13 יאהריגען
געבורטסטאג

Israel Levitzky

participa a *Ud.* el enlace de su

hermana *Paulina* con el señor *Samuel*

E. Nachtailer

Samuel E. Nachtailer

participa a *Ud.* su enlace con la

señorita *Paulina Levitzky*

que se efectuará el 30

del corriente en esta.

Basavilbaso, Diciembre de 1950

מזל טוב! ברכה, והצלחה!
קול ששון! קול שמחה!
קול חתן, קול כלה!
שמואל נאכטיילער — פאולינא לעוויצקי

Belén Rozemberg

Destacada en el Piano, en los programas

Estrellas Juveniles

de la Radiodifusora Venezuela

Caracas

די טאכטער
פון יאסיל און
העניע ראזענבערג
צו איהר 14טען
יאהר
געבורטסטאג

טאָמער האָט ער אמאָל אין א יובל יאָ געשיקט עטלאכע װערטער איז עס שטענדיק געװען מיט א געלעגנהײט און ניט מיט דער פאָסט. אויך די האָפענונג, אז ער װעט אויסגעבן דעם זון זײנעם אין א פרעמדער שטאָט ארײן, איז צו נישט געװאָרן.

עס האָט זיך אָנגעשלאָגן א נשקשהדיקער שידוך פון דאָ הי און ער װעט דאָך ניט גײן דערצײלן, אז ער באשטײט ניט אפן שידוך, װײל ער װעט ניט דערהאלטן קײן בריװ אף דער פאָטשט.

װען עס פלעגט נאָר אָנקומען א נײער בריװ טרעגער, האָט מאָניש אים אָפגעזוכט, און אים אָנגעװיזן, ראָזמאַן איז אָט דאָ, אין דעם הויז און אין דער טיר, ער זאָל, חלילה, ניט האָבן קײן טעות. און כאָטש ער האָט גאנץ גוט געװאוסט, אז דער בריװ טרעגער װעט קײנמאָל ניט באדארפן זײן אדרעס, האָט ער אָבער זיך ניט געקאָנט אָפגעװאוינען פון אָט דעם מנהג זײנעם. און איצט עפנט זיך די טיר, עס קומט ארײן דער בריװ טרעגער און גיט א פרעג, טו ראָזמאַן? טאק טאָטשנא, גיט מאָניש א שפרינג אויף, טאק, טו, שטאמלט ער אינגאנצן א צטרודערטער. און אײדער דער בריװ טרעגער האָט אויפגעזוכט דאס קאָװערט, האָט אים מאָניש דערװײל מכבד געװען מיט א גלעזל בראָנפן און אָפגעשניטן א האלבע חלה און אים אָנגעזאָגט, אז ראָזמאַן איז דאָ, נאָר דאָ, און בשום אופן ניט ערגיץ אנדערש.

אהוסט האָט אים גענומען שטיקן. מיטאמאָל איז דאס גאנצע בילד פארשװאונדן און זיך אויסגעװעפט. דאָס לעמפל האָט געצאנקט ארום איז געװען שטיל און טונקל, און מאָניש האָט זיך װידער געזען אין דער װעלט פון זײן ביטערער װירקלאכקײט.

מען זאָגט, אז די לעצטע מינוטן פון זײן לעבן װערט דער מענטש אזוי גוט און רײן װי א נײ געבוירן קינד, װאָס טראָגט ניט קײן שנאה אף קײנעם און איז אלעמען מוחל די עולות. מיט מאָנישן איז געשײען פונקט דער היפך. זײן גאנץ שװער און פארהאָרעװעט לעבן האָט זיך מיטאמאָל געגעבן א שײל אויס פאר זײנע אויגן אין אָט דער שפעטער און טונקעלער נאכט שעה. און ער האָט דערזעען, שװערע און לאנגע שעהן פון טאָג, שלעפנדיק מיט אלע כוחות דעם שװערן מעשענעם קאם איבער די הארטע לעדער, ברויט מיט קארטאָפליעס, אויך ניט שטענדיק, צו דער זעט. דאָס גאנצע גראָקײט און אײנטאָניקײט פון אָט דעם לעבן, האָט איצט געמאָנט באשײד און ענטפער. צוליב װאָס?

א פרעסנדיקער װײטיק האָט אים ארומגענומען. א ברענענדיקער פארלאנג אָנצוהויבן אלץ אפסנײ. און אלײן ניט װיסנדיק װי אזוי, האָט ער זיך איצט דערמאָנט הערשל טאָקערס װערטער,

ווען ער האָט זיי גערופן שטרייקן,צו וואָס לעבט איר,און וואס האָט איר פון אזא לעבן? אפילו דער בריוו דאמאָלט,איז דאָך אויך ניט געווען צו אים,האָט אלץ געווייטיקט.(דער בריוו איז געווען צו ר,שלמהן און דער בריוו טרעגער וועמען מאָניש האָט שוין באוויזן צו ווייזן זיין דירה,האָט זיך דאָך טועה געווען) און טאָפל שטארק איז געווען דער ווייטיק,ווייסנדיק, אז איצט קאָן ער שוין ניט אָנהויבן אפסניי...

פון די טיפענישן האָט א קנויל זיך גענומען שפארן,וואָס אמאָל אלץ העכער און העכער,ביז די גאנצע קנויל האָט זיך אָפּגעשטעלט און געבליבן שטעקן אין סאמע מיט פון האלז, עס האָט אים גענומען שטיקן,דאָס פנים איז געוואָרן בלוי און אויסגעבלאָזן,די אויגן אויפגעריסענע האָבן מיט שרעק געקוקט אין דער האלב טונקל און געזעען,אף דער וואנט, צוויי שאָטנס וואָס דערנענטערן זיך צום בעט. זיי שטרעקן אויס פיר לאנגע הענט מיט צוואנציק ביינערדיקע פינגער וואָס כאפן ארום זיין האלז און נעמען אים שטיקן ווי מיט אייזערנע צוואנגען. ער וויל שרייען,אָבער,קיין שום קלאנג קומט ניט ארויס פון זיין מויל.דאָס שטיקן פון די ביינערדיקע פינגער ווערט וואס אמאָל אלץ שטארקער און שטארקער,ער פילט ווי דאס ביסל אָטעם הויבט אָן פארשווינדן און ער זינקט אין א טיפן תהום.פאר די אויגן גיט זיך א שפרייט אויס א מוראדיקע טיפעניש ,וואָס דערנענטערט זיך אויס אלעמאָל נענטער צום בעט.נאָך אמינוט,נאָך א רגע,באלד וועט דער תהום אים ארומנעמען און אים אינגאנצן פארשלינגען.

ווען יוכבדל איז אין דער פרי צוגעגאנגען צום בעט,איז מאָניש שוין געווען א פאו׳שטארטער...

דער קורצער ווינטערדיקער טאָג האָט זיך שוין פארנומען צום אונטערגיין,ווען פון די ברייט געעפנטע טויערן פון שמואל בעקערס הויז,האָבן זיך,טיטאמאָל,ארויסגעשטופט עטלאכע מענטשן,טראָגנדיק די מיטה מיט מאָנישעס טויטן קערפער. געלאסן,געלאסן,האָט מיט א הייזעריק קול געוואָרנט מאיר לאָפּעטע,א הויכער דארער ייד מיט א שיטער בערדל.די נושאים האָבן פעסטער אָנגענומען די שטאנגען פון טהרא ברעט און נאָכדעם ווי זיי זיינען אריבער דעם ברייטן,שלעכט ברוקירטן ראָוו און זיינען ארויס אף דער גאס,האָבן זיי,מיט גיכע שפרייזן זיך גענומען איילן צום בית עולם. דאָס פיטשטשענדיקע געוויין פון יוכבדל מיט די קינדער האָט זיך,מיט יעדער מינוט ,דערווייטערט ביז עס איז אינגאנצן פארשטומט געוואָרן. ערגיץ ווייט,ווייט אפן שאָסיי, אין עק האָריזאָנט,

האָט א רויטע אונטערגײענדיקע ווינטערדיקע זון,זיך צעגאָסן איבער א שטאָלן פאס הימל און אים באפארבט מיט בלוטיקער רויטקייט. פון דעם ליידיקן פלאץ,וואו עס איז א מאָל געשטאנען דינהלעס הייזל מיט די דריי קאשטאן ביימער האָט זיך אויסגעשפרייט א שטח פון פעלדער און לאָנקעס,וואס זיינען געלעגן אין ווייטן צודעק פון שניי.דער רויטער פאס הימל האָט זיך וואָס אמאָל אראָפּגעלאָזט אלץ נידעריקער און נידעריקער,און זיך באהאלטן ערגיץ אין יענער זייט שאָסיי. און וואָס טיפער דער רויטער פאס איז געזונקען,אלץ טונקעלער זיינען געוואָרן די שניי פעלדער.פון מזרח האָט א טונקל בלויער הימל אָנגעהויבן רוקן צו דעם גליענדן פאס אונטערגײענדיקער זון,אף דעם ווייטן שניי פעלד און מיט יעדער מינוט אלץ מער זיי פארטונקלט.

יאָסקע איז אָנגעקומען פון גאס און געטראָפן די לויה,האָט אים אזעץ געטאָן אין קאָפ. ווי עס איז שוין געווען דערמאָנט האָט יאָסקע ,זייט יענער נאכט,געפילט עפעס א מאָדנע אחריות פאר מאָנישעס גורל.איצט,אָנטרעפנדיק אף מאָנישעס לויה,האָט א שניידנדיקע ווייטיק דורכגענומען זיין גאנצן וועזן.אחוץ דעם,האָט יאָסקע זיך געפילט מאָדנע אין אזעלכע פארנאכטן.. אפײנסטן אין די פראָסטיקע און זוניקע פארנאכטן.ווען דער הימל אפן שאָסיי האָט זיך גענומען רויטלן און אף די ווייטע פעלדער האָט זיך א טונקעלע דעק אויסגעשפרייט. צוזאמען מיט די שניי פעלדער האָט די טונקלקייט אויך זיין הארץ און גע־ מיט פארהילט.אטרויער האָט זיך צעלייגט אף זיין הארץ. און אן אומבאשטימטע ביינקשאפט נאָך עפעס ווייט,ווייט,ניט באגרייפלאך,ניט טמשותדיקס,האָט אים ארומגענומען. ער פלעגט זיך קיין אָרט ניט קאָנען געפונען.

לעצטנס,זינט ער האָט דערקענט רבקהלען,פלעגט זיך אין א זעלכע מינוטן,פון פארנאכטיקער שטילקייט געמישט מיט רויט שקיע ווין,באוויזן דעם מיידלס געשטאלט.זי פלעגט ארויסשוועבן פון רויטן האָריזאָנט אזא דינע,אזא צארטע,כמעט דורכזיכטיקע.אירע גאָלדענע האָר,האָבן געמיניעט אין דער טונקל די גראנאטענע אויגן האָבן געפינקלט מיט דעם גלאנץ פון די שטערן וואס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באווייזן אפן טונקל בלויען הימל.א בליטשטש,א פינקל און פארשווינדן... איבערלאָזנדיק א ווייטיקלאך נאָגנדיקע ביינקשאפט...

אָט,דידאָזיקע שטימונגען וואס פלעגן אים ארומנעמען מיט אזא צער,האָבן איצט,אין אָנבליק פון מאָנישעס לויה,געדריקט מיט פיל מער שווערקייט. דער גאנצער טרויער פון אָפּשטארבנדיקן טאָג,צוזאמען מיט דעם צער און ווייטיק פון אן אָפּגעהאקטן , איבערגעריסן מענטשלעך לעבן,וועמעס נשמה האָט נאָך ארומגעבלאָנזשעט אין חלל,ווי סהאָט זיך יאָטקען געדוכט,

דאָס אלץ האָט זיך זיר איצט באזעצט אין זײן גאנצן װעזן און אים אזוי מוראדיק װײ געטאָן...
דער רויטער גליענדיקער פאס איז שוין אינגאנצן פארטרונקען געװאָרן פון דער נאכט װאָס רוקט זיך אָן. די װײסע שניפעלדער האָבן שוין א טונקל; גרויען קאָליר, אײנצלנע שטערן פינקלען שוין אפן װאָלקנלאָזן הימל..

װען יאָטקע האָט זיך פלוצים אָפגעשטעלט, האָט ער זיך דערזעען נעבן דער טיר פון מאָנישעס שטוב. ער האָט אלײן ניט געװואוסט װי לאנג ער איז אזוי געשטאנען הינטער דער טיר, װײל װען רבקהלעס דערשראָקן קול האָט אים װי אויפגעװעקט, װער איז עס? האָט זיך יאָסקע װי אויפגעכאפט און זיך געװאלטיק פארלאָרן. א מינוט האָט ער גאָר ניט געקאָנט ענטפערן. נאָר באלד האָט ער, מיט געמאכטער פרײלאכקײט, אזאָג געטאָן, דאָס בין איך, האָסט דיך דערשראָקן רבקהלע?

װאָס שטײסטו עפעס הינטער דערטיר יאָסקע, האָט רבקהלע אים אפרעג געטאָן. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זי חרטה געהאט אף דער אומטאקטישער פראגע. װײל דער אמת געזאָגט, האָט אָט דאָס מײדל, װאָס איז געװען מיט גאנצע צװײ יאָר עלטער פון יאָסקען, דערפילט װאָס עס קומט פאָר מיט דעם שעמעװדיקן ײנגל. זי האָט דערפילט און ארויסגעלײענט פון זײנע אויגן, אראָפגעלאָזטע בליקן, אין דער רויטקײט װאָס האָט באדעקט זײן גאנץ פנים, װען זײערע בליקן האָבן זיך באגעגנט דאָס האט איך דערצײלט, אז אין דעם ײנגלס הארץ װעבט זיך עפעס. אין)איר ברוסט האָט זיך גענומען עפעס שפיפען.. אזא זיס, צארט געפיל צו אָט דעם פול בלוטיקן ײנגל מיט דעם טונקל אָליװ פנים און קאָפ פעך שװארצע האָר. זײן פארשעמטקײט און פארלוירנקײט, האָט אין איר אויפגעװעקט נאָך א געפיל, װאָס איז אזוי אײגן בײ אלע געזונטע, נאָרמאלע מײדלאך. נעמלאך, אזא מין סאָרט מאמע־געפיל צו דעם ײנגל װאָס איז אזוי אומבאהאָלפן אין איר קעגנװארט.

אָפטמאָל, אין די נעכט, ליגנדיק אין בעט, האָט זי מיט אָפענע אויגן געטרוימט, װעגן טוליען דעם ײנגלס קאָפ צו איר ברוסט טרײסטן אים, גלעטן פונקט װי אמאמע גלעט אן אײגן קינד, װאָס האָט געװײנט און העשנדיק נאָך, נעמט עס די מאמע אויף איר שויט און קושט עס אויס די נאסע אויגן. און, אז דעם ײנגל דריקט עפעס װאָס קאָן ניט ארויסברײנגען, דאָס איז איר קלאָר געװאָרן, זײט יענעם אָװנט, װען ער האָט איר אזוי אומגעלומפערט דערצײלט, אז מאָניש גוסעסט, און, אז זײן װײב איז געװען בײ זײן טאטן, װײנען ער זאָל זי ראטעװען.

אמאָל פלעגט זיך אויך טרעפן, װען אזא רחמנות האָט זיך צעװארימט צו אָט דעם ײנגל, פלעגט זי זיך אלײן אויסזידלן.

װאָסערע געשעפטן האָב איך אײגנטלעך, איך מאנעט סטאָלערס טאָכטער מיט ר׳ שמואל נירמאנס א ײנגל? װאָס גײט עס מיך אָן דאָס גבירישע זינדל? מיט זײנע שטימונגען און טרויער. ער װעט זיך דאָך שעמען מיט איר דער גאָס דורכצוגײן, האָט אלץ אין זיך געװערט. און אף א מינוט האָט זי באַשלאָסן, איך װעל מיט אים מער ניט האָבן קײן שום עסקים. און מער ניט טראַכטן פון אים. אָבער, אין א מינוט ארום איז דער גאנצער כעס װי אויסגערונען און אויסגעװעפט געװאָרן. זײנע שװארצע אויגן האָבן געקוקט אף איר מיט אזוי פיל צארטקײט און מיט אזויסן ציטער אויפגעשװידערט אירע ײנגע בלוטן..

און איצט, ארויספילנדיק דאָס געמאַכטע פרײלאכקײט פון זײן קול, האָסט דיך דערשראָקן רבקהלע? האָט זי גלײך דערפילט, אז עפּעס קומט װידער פאָר מיט דעם ײנגל, װאָס איז איר אזוי טײער, און עס האָט איר באנג געטאָן, פאר װאָס זי האָט אים מיט אזא קאלטקײט געפרעגט, װאָס שטײסטו עפּעס הינטער דער טיר.. זי האָט גאָר איצט דערפילט א פארלאנג אים אָנצוגעטען בײ דער האנט, אװעקגײן מיט אים ערגיץ װײט, װײט פונדאנעט, װאו קײנער, אחוץ זײ בײדע זאָלן זיך ניט געפונען. זײ װעלן זיך אװעקזעצן ערגיץ אף א פיען פון אן אָפּגעשניטענעם בוים. זײ װעלן זיך טוליען אײנער צום אנדערן. זי װעט טוליען זײן קאָפּ צו איר קאָכעדיקע ברוסט, לײכט פירן מיט די פינגער איבער זײנע שװארצע האָר און מיט א שטיל װײך קול, װאָס גיט זיך אזוי װארים ארויס פון הארץ ארויס װעט זי אים פרעגן, יאָסקע טײערער, קינד טײנס, װאָס איז מיט דיר? װאָס טוט דיר װײ, איך װײס דאָך, איך זע דאָך אלץ.. דערצײלזשע מיר אײנציקער װאָס דיך דריסט און װאָס טוט דיר װײ. אָט דער פארלאנג האָט זיך געריסן פון די טיפענישן פון איר ברוסט. און געזאָגט האָט זי, קום יאָסקע אביסל ארײן צו אונז, ביזט שוין אזוי לאנג ניט געװען.

איר שטימע איז געװען אזוי װארים, און מיט צארטקײט ארײנגעדרינגען צו אים אין הארץ.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אף איר א קוק געטאָן און כאָטש אין פאָדערהויז איז געװען פינצטער, האָט ער, אָבער דערפילט דעם ליכטיקן בליק פון אירע גראנאטענע אויגן, װאָס האָט אים אזוי צארט געגלעט און געװארימט..

דאָס בוך ,,װען עס טרײסלן זיך פונדאמענטן" איז אײנע פון
י ביכער װאָס מיר קלײבן זיך, גאָר בקרוב, ארויסצוגעבן.

באריכט פון דער פרויען גרופע אין באראנקילא.

קײלע לוקאָוויעצקי סעקרעטאר

בלויז א קלײנער באריכט פון אונזער פרויען גרופע.

אונזער אָרגאניזאציע איז געגרינדעט געוואָרן ווען פרײנט לײבוש איז געווען בײ אונז אין באראנקילא.

מיר האָבן באשלאָסן זיך צוזאמענקומען יעדן פרײטיק בײ א מיטגליד אין הויז ,און פארברײנגען צוזאמען בײ א גלעזל טײ,דורכפירן א קולטורעלן פראָגראם,ווי אויך ארומרײדן און אָנפירן מיט דער הילפסארבעט.

מיר האָבן זיך ניט באגרעניצט בלויז אף זשעלעכאָווער פרויען בלויז,נאָר האָבן אויך צוגעצויגן פרויען יידישע פון אנדערע שטעט ,וואָס האָבן אונז געוואָלט העלפן אין אונזער הײליקער ארבעט.

ווער נאָך ווי א מאמע פון קלײנע קינדערלאך,ווײס דעם טעם ווען די קינדער בעטן ברויט,און מען האָט זײ ניט צוגעבן? אונזערע מאמעס,ניט זײענדיק פראָגרעסיוו ווי הײנטיקע האָבן פארשטאנען צו געבן צדקה,שטיל אָן טומעל. אדרבה,גיט א טראכט פון א חנה ישראל מאירס, הינדע הײקעס א.א.

דארפן זיך ניט שעמען די יעניקע וואס זאָגן אונז,מיר האָבן אלע דאָרטן פארלוירן,דערפאר דארף מען שוין קײנעם ניט שטיצן אָדער העלפן?... עס איז באמת,א שאנד..

פאראן אזעלכע לאנדסלײט וואס זאגן אונז,און אז מיר וועלן ניט שטיצן וואס וועט מיר אונז טאָן? נײן,מיר האָבן ניט קײן פאָליצײ און מיר וועלן אײך מיט געוואַלט ניט צווינגען.

מיר אפעלירן,אָבער,צו אײער געוויסן,אז איר זאָלט ניט פארגעסן,בשעת איר זעצט זיך עסן צום טיש,אז אויך איר זײנט אמאָל געווען הונגעריק.. טאָרן מיר ניט לאָזן די נויטלײדנדע,הונגעריקע אף הפקר.

מאנכע ווערן מיט דער צײט מיד,אָדער ווילן שפּאָרן א סענט.

ניט חלילה,ווײל עס פעלט זײ.. נײן,קײנער בײ אונז האָט זיך ניט וואס צו באקלאָגן,אלע פארדינען גאנץ שײן פרנסה.

וויל איך אפעלירן צו אלע אונזערע פרײנט,אז פונקט ווי אונזערע עלטערן זײנען קײנמאָל ניט מיד געוואָרן,דארפן מיר אויך אָנהאלטן די דאָזיקע שײנע,נאָבעלע טראדיציע.

מיר האָבן אין פארלויף פון יאָר אָפגעטאָן א גרויסע ארבעט, ווי עס באווײזט אונזער באריכט,אָדער באריכטן ,וואָס מיר פארעפנטלעכן אין בולעטין,פון צײט צו צײט.

ווילן מיר טײערע פרײנט ווײטער פאָרזעצן אונזער ארבעט,העלפט אונז.

שאָלעק

ביכער איבערזיכט

פארשפרעכן און פארווירקלאכונג

פון ארטור קעסטלער

ארטור קעסטלער, געהער צו יענער פליעיאדע שרײבער און אינטעלעקטואלן, וואָס זײנען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, געוואָרן אירע הײסע אנהענגער, מיטלויפער און זאָגאר אקטיווע מיטהעלפער.

אנדריי זשיד, ײגנאץ סילאָנע, מאקס איסטמאן, פראָפעסאָר ס. הוק, פראָפ. זשאָן דיואי, עדמונד ווילסאָן און פיל אנדערע, הויכע אינטעלעקטואלן, געוועזענע ראדיקאלן, כמעט קאָמוניסטן, וואָס זײנען שפעטער, געוואָרן אנטויישט, פארביטערט און אָנגעהויבן זוכן נײע געטער...

ארטור קעסטלער, איז אײנער פון די הויפט ארגאניזירער און אָנפירער פון דעם אינטערנאציאָנאלן „קאָנגרעס פאר קולטורעלער פרײהײט.״ אפן לעצטן קאָנגרעס, האָט ער געהאלטן, אײנע פון די הויפט רעדעס. אן איפולסיווער, פײאיקער און טאלאנטפולער שרײבער.

נאָך גאר א יונגער מענטש, האָט ער שוין פארעפנטלאכט 10 ביכער, איבער פארשידענע קעגנשטאנדן. „פינצטערניש אין דער נאכט״, וועגן די פראָצעסן אין מאָסקווע, „גנבים אין דער נאכט״, וועגן דער אונטערערדישער ארבעט פון „ארגון״ אין ישראל, זײנען געלײענט געוואָרן פון הונדערטער טויזנטער איבער דער גאנצער וועלט. אין די שטאטן, געוואָרן „בעסט־סעלערס״. ער האָט אויך אָנגעשריבן א רײן וויסנשאפטלאך, בוך וועגן הומאָר.

קעסטלער, האָט דורגעמאכט א שטורמיש און אינטערסאנט לעבן.

עטלאכע ביאָגראפישע שטריכן, פון אײנעם פון די באגאבטע און איטעלעקטועלסטע שרײבער פון אונזער צײט..

עבוירן אין אונגארן אין 1905. גאָר יונג, וואנדערט ער אויס קײן, איראק, טיריען און עגיפטן. אגעוויסע צײט, פארקויפט ער סאָדע וואסער אף די גאסן פון חיפה. אביטל שפעטער, רעדאגירט ער א זשורנאל, דײטש אראביש אין קאירא. אָט, איז ער שוין א קאָרעספאָנדענט פון דער בארימטער „פאָסישער צײטונג.״ נעמט אויך אנטײל אין דער ארטיק־

עקספעדיציע פון גראף זעפעלין. אין 1931 ווערט ער איינגעלאדן פון דער סאָוועטן רעגירונג. באזוכט פארשידענע טיילן פון לאנד. אלס רעזולטאט פון דער רייזע,שליסט ער זיך אָן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. אגעוויסע צייט איז ער רעדאקטאָר פון פארטיי זשורנאלן.

אין 1936 ווערט ער א מיטארבעטער אין "לאָנדאָן קראָניקל". ווערט געשיקט אלס קאָרעספּאָנדענט,צו באריכטן דעם שפאנישן בירגער קריג. האָט א געשפרעך מיט דעם גענעראל פון פראנקאָ,ללאמא.אף צומאָרגנס דערוואוסט זיך דער גענעראל קעסטלערס פּאָליטישע אָנגעהעריקייט,און גיט ארויס א באפעל אים צו ארעסטירן. ער אנטלויפט קיין פראנקרייך. קומט באלד צוריק,ווערט געכאפט פון די פראנקאָ הענקער,און פארמשפט צום טויט. שפעטער,אדאנק ענגלאנדס אינטערווענץ, ווערט ער באפרייט.

שפעטער,זעען מיר אים שוין אין פראנקרייך,ווען די לעצטע טרעט אריין אין מלחמה,ווערן אלע אנטיפאשיסטן ארעסטירט און געהאלטן אין דער בארימטער "ווערנאָן" תפיסה.

אין זיין בוך "מענטשלאכער אָפפאל" גיט אונז קעסטלער א טרויעריק בילד,ווי אזוי דאָס פרייע,דעמאָקראטישע פראנקרייך האָט באהאנדלט די יעניקע וואָס האָבן געפירט דעם קאמף קעגן נאציזם און פראנקיזם. א טיאוס בלעטל פאר דער רעפובליק פון פרייהייט,גלייכהייט און ברידערלאכקייט...

קעסטלער,נאָך א יינגער מענטש,האָט זיך געשאפן א נאָמען אלס א קעמפער קעגן רעאקציע,נאציזם און פאשיזם. ריזיקירט מיט זיין לעבן,און געלאָזט וויסן דער וועלט, וואס דער פראנקאָ רעזשים מיינט. זיינע ארטיקלען אין די ענגלישע,פראנצויזישע צייטונגען האָבן אויפגערודערט' דער וועלט פון ליבעראל טראַכטנדיקע מענטשן. אויך זיין בוך "שפאנישער טעסטאמענט,אָדער ,דיאלאָגן מיט דעם טויט, האָט געמאכט א טיפן רושם און געלייענט געוואָרן פון הונדערטער טויזנטער,איבער דער גאנצער וועלט.

קליפטאָן פיידמאן,אמעריקאנער ליטעראטור קריטיקער,רופט אָן ,קעסטלערן,דאָסטאָיעווקיש,פסיכאָלאָגיש טיף,דערגרונטעווע זיך צו טיפקייטן פון ,פארברעכן און שטראָף..

קעסטלערס שרייבן,אפילו זיינע ריין בעלעטריסטישע זיינען ניט געשריבן,בלויז לשם קונסט. ער גריבלט זיך אין די טיפענישן,נשמהדיקע,פון היינטיקן מאָדערנעם זוכנדיקן מענטשן. עס איז א מענטש,ניין,א דור וואָס זוכט אן אָנהאלט,גלויבן,פארלירנדיק דעם געדולט אין דער פאמעלאכער אויסבעסערונג פון אונזער וועלטל..לאָזט זיך דער היינטיקער מענטש ,אָפטמאָל,אף געפערלאכע וועגן,כדי אים שנעלער דערפירן צום געגארטן גליק..

און דאן...קומט די ביטערע אנטוישונג. וואָס פירט אָפט צו פולשטענדיקע פארצווייפלונג.

קעסטלער איז איינער פון די דאָזיקע,פארצווייפלטע,און אנטוישטע.אוועק פון סטאליניזם,האָט ער אָנגעשריבן א בוך, „פינצטערניש אין דער נאכט״,וואו ער באשרייבט די באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן. עס איז א פיינלאך בוך.

ק.רעגט אייך אָן מיט זיין פען. איינשטימיק,צי ניט,איר קאָנט ניט בלייבן גלייכגילטיק .ער האָט שטענדיק עפעס צו זאָגן פון טיפן באַטייט. ער איז איינער פון די איינפלוסרייכסטע שרייבער פון אונזער צייט. קעסטלערס א ניי בוך איז א געשייעניש אין דער ליטעראַרישער וועלט,אין דער אינטעלעקטועלער וועלט. זיינע ביכער רופן ארויס גרויסע חלוקי דעות אָבער,מען לייענט אים,צוליב זיין וואָרט וואס איז שטענדיק שטארק און מוטיק. אומדערשראָקן.

האָב איך מיך צוגעכאפט צו זיין,ניי בוך וועגן ישראל. „פארשפרעכן און פארווירקלאכונג,״דארף זיין א מין האנט-בוך וועגן די לעצטע געשייענישן אין ישראל ביז דער אנטשטייונג פון שטאט. גייען פארביי,קאפיטל נאָך קאפיטל' דער דרייעק, אראבער,יידן און ענגלאנד.

ק. איז אפילו ברייטהארציק,צו ווייזן דער וועלט דעם אראבישן שטאנדפונקט.גיט זייערע טענות,קעגנערשאפט אף אן אומפארטייאישן אופן. עס ווערט געשילדערט מיט א קאלטע אָביעקטיוויטעט. זייער פיין..ווער זאָל זיך אַנעמען פאר די אראבער, אויב ניט א יידישער שרייבער?

ענגלאנד,קריגט פון אים א גאנץ פיינעם אָפשניט. כאָטש,אליין אן ענגלישער בירגער,דערלאנגט ער די פאָרשטייער פון דער סאָציאליסטישער רעגירונג,א גאנץ פיין קאפיטל.״

גענוג צו לייענען דאָס קאפיטל,איידער די „נאָבעלע ענגלענדער״ האָבן פארלאָזט דאט לאנד.געוועז א מיאוסע,הינטישע פאָליטיק פון די קאָלאָניאלע פאָרשטייער פון א ראדיקאלע,סאָציאליסטישע רעגירונג. א רעגירונג וואס האָט אמאָלמיט א פיין מענטשלאכן זשעסט,די „באלפור דעקלעראציע״ אָנגעצונדן אזוי פיל האָפענונגען אין די הערצער פון מיליאָנען יידן איבער דער גאנצער וועלט.

עס איז א בוך כראָניק,געשייענישן פון דער לעצטער צייט.

ניט צו פיל ניי זיינען די פאקטן.דאָך איז גוט צו דערמאָנען דער וועלט אין נעכטיקע געשייענישן,וואס זיינען געוואָרן געשיכטע. דער דאָזיקער טייל איז געשריבן,אז ענגלאנד, דאָס ליבעראלע,וועט ניט האָבן צופיל נחת,ווי אזוי אירע פאָרשטייער האָבן זיך אויפגעפירט קעגן דעם פאָלק פון דער ביבל.. און דאן קומעף פראָבלעמען פון היינטיקן ישראל. און עס זיינען פאראן גענוג,איבערגענוג..

„צוזאמנשטעל פון דער רעגירונג,די הויפט פארטײ,די
רעגירונג גופא,טאָציאלער צוזאמענשטעל,װײסע און שװארצע
ײדן,אײראָפּײאישע הויך קולטורװירטע און האלב גאנץ
אזיאטישע,סאָציאליסטישע רעגירונג דאָמינירט פון קלער,
ײדישע רעליגיע ,ײדיש און העברײאיש,צוקונפט פון ישראל
און באציאונג פון די ײדן איבער דער גאנצער װעלט צום
נײ ײדישן שטאט.״

עס איז א גאנץ פײנער צעטל פראָבלעמען,און קעסטלער
פרובירט אָנװײזן אף די שװארצע פינטעלאך און אף די גאָר
גרויסע שװארצע פלעקן. פאראן גענוג פראָבלעמען װאס א נײ
געבוירענער שטאט פארמאָגט. עס איז נאטירלאך,אז נאָך די
האָניק חדשים זאָל קומען ,רואיקײט,קאלטקײט,פראקטישקײט.
אװעק די צײט פון בלויז געזאנג. טאָג טעגלאכקײט איז
אָפטמאָל דער קעגנזאץ פון פּאָעזיע..

קודם כל,רעליגיע.ק.האָט ניט צופיל ליבע פאר רעליגיע.
און ספּעציעל,פאר אירע פאָרשטײער. גיט ער אונז א בילד
פון הויפּט פון רעליגיעזן מיניסטעריום און זײן ארויסהעלפער,פול מיט איראָניע,ציניקײט,אָפּשפּעטערישקײט,װאס
פּאסט זײער ניט פאר אזא חשובן שרײבער װי קעסטלער.

ער מעג זיך פארגונען צו זײן אביסל טאָלעראנטער צו
רעליגיעזע ײדן. נשקשה,אז מען פּרײדיקט טאָלעראנץ,דארף
מען אלײן זײן א מוסטער. דאָס האָט לחלוטין,ניט צו טאָן
מיט זײן גערעכט צי ניט..

ער קאָן ניט פארשטײן די הנחות,עשרות,אפן חשבון פון א
מאָדערנעם מענטשן,פון א סאָציאליסטישער רעגירונג.
דאָס קאפּיטאליסטישע אמעריקע,האָט ניט קײן רעליגיעזן
דעפּארטמענט,װי סהאָט דער ישראל סאָציאליסטישער שטאט..
אין שבת מוז מען גײן צופוס,װײל...אזוי װיל דאָס רעליג.
מיניסטעריום. ק.פרעגט זיך,װאוהין גײען מיר? האָבן מיר
געפירט א קאמף אף טויט און לעבן ,בלויז כדי צו ברײנגען
צוריק פינצטערניש פון מיט צװײ טויזנט יאָר צוריק?
האָט זיך עס געלוינט?

ער פארשטײט גאנץ גוט,אז א קאָאליציע מוז אײנגײן אף
קאָמפּראָמיסן,אָבער עס איז פאראן א גרויסע געפאר,אז די
קלײנע,לויט די לעצטע װאלן,רעליגיעזע גרופּע,זאָל זיך
פארמעסטן צו װעלן קאָנטראָלירן דאָס גאנצע גײסטיקע לעבן
פון לאנד. דאָס,לויט ק. מײנונג,מײנט פשוט,מיטלאלטער.
און מען דארף זײן זײער פאָרזיכטיק..רעליגיע איז װײט
װײט צו זײן טאָלעראנט,נאָכגיביק,נאָר פארקערט.

נאטירלאך,אים ארט װײניק,װאס עס קומען אָן טויזנטער
ײדן,טיף רעליגיעזע פון די האלב און גאנץ אזיאטישע
לענדער..און די הויך פּאָליטיק פון דער רעגירונג,

כדי ניט אָנצוקומען צו דער ב״גין גרופּע, אָדער לינקע, געפֿעלט .ק. זייער ווײַניק. ניט פֿאַראַן קיין אָפּשטעל צו הנחות און קאָמפּראָמיסן.. מען מוז זײַן זייער פֿאָרזיכטיק. אַניט...וועלן מיר זײַן דער אָפּגעשטאַנענסטער. הינטערשטע־ליקסטער, אַנשטאָט דער פֿאָרטגעשריטענסטער.. שטאַט.

די קאָנטרעדיקציע, א סאָציאַליסטישער שטאַט און אויסלענדישער קאַפּיטאַל, איז פֿאַקטיש ניט קיין נײַעס אין אונזער צײַט. די דאָזיקע פּראָבלעמען זײַנען פֿאַראַן אין גרויסן ענגלאַנד, וואָס וויל האָבן א קאָנטראָלירטע ווירטשאַפֿט. אויסלענדישער קאַפּיטאַל, אפֿילו ייִדישער, וועט ניט לויפֿן דאָרטן, וואו זײַנע פּראָפֿיטן וועלן קאָנטראָלירט פֿון אן אַרבעטער רעגירונג. מיר זעען, אַז גוטע. לאַנג יאָריקע ציוניסטן ווילן ניט אינוועסטירן זייער קאַפּיטל, ווײַל ...זיי קאָנען ניט האָבן קיין פֿרײַע האַנט..

די פּראָבלעם פֿון צוזאַמענשמעלצן די איראָפּײַאיש געקומענע, מיט א זייער הויכע קולטור מיט די ייִדן פֿון די האַלב פּרימיטיווע לענדער, וואָס שטייען 2.000 יאָר הינטערשטעליק, גלויבן מיר, וועט געלייזט ווערן אויף א פֿײַנעם אופֿן. מיר זעען שוין הײַנט, ווי די ייִנגלאַך, נעכטיקע בעטלער, שנאָרער, ווערן פֿיזיש געזונט, לערנען זיך אויס פֿאַכן און נעמען אָן, זייער שנעל, די תורה פֿון איראָפּײַאישן ייִדן. אויב פֿאַרשמעלצונג, וועט דאָס זיכער זײַן, אַז די אָפּגעשטאַנענע וועלן זיך אויסמענטשלן ניט פֿאַרקערט.

זעט איר, וואָס איז שייך פּאַרטייען און פּאַרטײַלאַך, זײַנען מיר ייִדן שוין געבענטשט פֿון אייביק אָן מיט חברות, גרופּעס און פּאַרטייען. פֿאַר וואָס מוזן זײַן אינגאַנצן אַנדערש פֿון אַלע פֿעלקער: אומעטום פֿעלן ניט קיין פּאַרטייען און קהלישע פּאַרזאָרגער.. אָבער, מיר האָפֿן, אַז די דאָזיקע פֿאַנאַנדערטיילונג, פּאָליטיש, וועט ניט שטערן דער נאַטירלאַכער אַנטוויקלונג פֿון שטאַט. די ישראל פֿירער וועלן זיך אויסלערנען די מלאכה פֿון פֿירן א שטאַט. אונזערע פֿאָרשטייער אין „לייק סוקסעס" האָבן אונז ניט פֿאַרשעמט, נאָר פֿאַרקערט, געווען א שטאָלץ פֿאַראַ א ייִנגען שטאַט צו האָבן אַזעלכע ווירדיקע שטאַטסמענער.

פֿאַראַן געוויינלאַך שוואַרצע פּינטעלאַך, וואָס יעדער איינער, ייִד, וואָס האָט ליב דאָס לאַנד און וויל דאָס זעען וואַקסן און בליִען, מוז זיך פֿאַרטראַכטן ערנסט. עס איז די געפֿאַר פֿון אויפֿגעשרויפֿטן, ניט נאַטירלאַכן שאָוויניזם, וואָס קען מיט דער צײַט ווערן אַן אמתע געפֿאַר. קעסטלער, ווײַזט אָן, צ.ב. אַז אין א קוריקילום פֿון 14 שעה לערנען אין די שולן, ווערט 8 שעה אָפּגעגעבן אויף תנך און אַנדערע רעליגיעזע למודים, בשעת איין שעה ווערט אָפּגעגעבן פֿאַר געשיכטע, ייִדישע בלויז

פאראן אן איבערגעטריבענער שטאָלץ מבטל צו זײן דעם גלות און אלץ װאס דאס לעצטע שטעלט מיט זיך פאָר..

דער ישראל ײד הױבט זיך אָן צו באטראכטן אלס דאס אױבערשטע פון שטױסל פון גאנצן ײדנטום. א מין „סופּער־קאָמפּלעקס" װאס קאָן פירן, פירן צו זײער טרױריקע רעזולטאטן, װי צ.ב. די רײדע פון בן גוריון און דער ענטפער פון דעם פּרעזידענט פון בני ברית־בלױשטײן. נײן, דער אמעריקאנער ײד װיל ניט אנערקענען, אז ער לעבט, נעבעך, אין גלות. עס איז אױך ניט אין נוצן פון לאנד... אזא שטעלונג קאָן װערן, מיט דער צײט, א גוט געװער אין די הענט פון אונזערע שונאים.. מען טאָר ניט, אפילו אין די אינטערעסן פון ישראל גופא. זעט דאס קעסטלער, און װאָרנט פאר דער דאָזיקער געפאר..

און אָט, גיט קעסטלער א זאָג װעגן ײדיש, ד.ה. די ײדישע שפּראך װאָלט, לױט דער צאָל װאָס רײדט פאקטיש ײדיש, געװאָרן די אָפיציעלע שפּראך פון לאנד," נאָר...הערט זיך אײן..
„ײדיש האָט ניט קײן גראמאטיק, סינטאקס און װאָקאבולאר.."

איך װײס, אז קעסטלער רײדט ענגליש, דײטש און פראנצױזיש זאָגאר געלערנט העברײאיש, װען ער האָט געלעבט אין ישראל און געשריבן זײן הערק, גנבים אין דער נאכט, װעגן „אירגון". איז באמת א װאונדער פון װעלכן „אוטשאָנים יעװרײ" אונזער מחבר האָט געקראָגן זײן „ראיעלע" אינפאָרמאציע!!

װען קעסטלער פרעגט זיך אָן דעם „װאָ" אדער װעלכע עס איז ײדיש קולטורעלער אנשטאלט, װאָלט מען אים זיכער דערקלערט און אָנגעװיזן די נישטיקײט און נארישקײט פון אָט אזעלכע אומװיסנדע זאָגערײען. באמת, איך האָב מיך פארשעמט צו הערן אזעלכע „לומדותדיקע" געדאנקען פון קעסטלער.

ער איז ניט דער אײנציקער אף „דיזן" געביט...

קעסטלער מעג װיסן, אז די פירער פון ישראל װילן ניט קײן ײדיש, װײל עס דערמאָנט דעם ײד אין גלות...א.א.װ.

און עס דערמאָנט אין א פײנלאך קאפּיטל ײדישער פּײן צער און אומגליק..אלץ פון גלות מוז אױסגעמעקט װערן..

(אז די דאָזיקע שטעלונג, איז א זײער פאלשע און אומגערעכטע װעט אונז נאָך אױסקומען צו רײדן.)

ײדיש, די ײדישע שפּראך קאָן, בשום אופן, ניט פארגליכן װערן מיט אנדערע שפּראכן װאס מיר האָבן געהאט אין פארלױף פון אונזער לאנגען װאנדער װעג..נײן, אביסל אנדערש..

קעסטלער האָט אױסצוזעצן. קעגן העברײאיש, װײל זי איז ניט בכוח ארײנצונעמען אלע קולטורעלע באגריפן פון אײראָפּײאיש לעבן װאס האָט זיך אָנגעזאמלט אין פארלױף פון העכער 2 טױזנט יאָר. מען קאָן ניט ארײנקװעטשן א װעלט מיט אידײען שטרעבונגען, דערגרײכונגען אף אלע געביטן, אין אן אלטע שפּראך, פון אזױ פיל יאָרן צוריק..

קעסטלער,האָט אויך מורא ,אַז די ווײסע,אײראָפּײאישע ײדן זאָלן זיך ניט אָנהויבן באַטראַכטן אַלט דאָס אויבערשטע פון שטויסל..די ראַסן פּראָבלעם. און ניט בלויז קאָליר, הויך אַנטוויקלטע קולטור און אַזיאַטיש,פּרימיטיוו אָפּגעשטאַנענע ײדן..

מיר דוכט זיך,אַז מיר ײדן האָבן צופיל געליטן פון דער פאַרשאָלטענער ראַסן פּראָבלעם,אַז מיר זאָלן קאָנען שנעל פאַרגעסן,און דאָס אָנהויבן אַליין צו פּראַקטיצירן אף אונזער אײגן בלוט און פלײש. נײן,די מורא איז ניט באַרעכטיקט.. לאָמיר האָפן,אַז מיר ײדן וועלן קײנמאָל ניט „דערהויבן" ווערן צו דער „נאָבעלער" שטופע פון די זידלאַכע שטאַטן אין די פאַראײניקטע שטאַטן.. אגב,דערצײלט מיר דר.מערקין,אַז די ײנגלאַך און מײדלאַך פון יענע אָריענטאַלישע לענדער,ווײזן אַרויס אומגעהויערע פײאיקײטן אף פאַרשידענע געביטן,ווי דימאַנט שלײפערײ,מעכאַניקער,און בכלל,קינסטלערישע מלאכות און,נאַטירלאַך,כאַפּן שנעל די געוואוינהײטן,אײראָפּײאישע און לאָזן זיך אַסימילירן מיט די „הויך אַנטוויקלטע" ײדן, אײנגעוואַנדערטע פון אײראָפּע. דעריבער,די געפאַר,אַז די אײראָפּײער וועלן פאַרשוואַרצט ווערן,גלויב איך,איז אַביסל איבערגעטריבן.

דעם ערגסטן טעלער וואַס קעסטלער מאַכט איז זײן עפּילאָג, אָדער אני מאמין צום סוף פון בוך.

מיט אַמאָל,פאַרשווינדט דער אומדערשראָקענער קעמפער קעגן דיקטאַטור,נאַציזם און פראַנקיזם ,און עס שפּרינגט אַרויס דער טיפּ ײד געשילדערט פון דר.ווײצמאַן אין זײן בוך. די ײדעלאַך,וואָס האָבן געווײנט,אַז מען זאָל חלילה ײדן ניט געבן אַבאַזונדערע מלוכה,ווײל...עס קאָן זײ,די ענגלישע ײדן שאַטן,מען וועט זײ חושד זײן אין אומלאָיאַלקײט...

קעסטלער גיט זיך אַזאַ זאָג...היות,ווי די ײדישע רעליגיע איז געווען דער גײסטיקער פונדאַמענט אונזערע פאַר די לעצטע 2.000 יאָר,אונזער אָנהאַלט,נאַטירלאַכער, וואָס האָט געהאַלטן אַלע ײדן פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמען,און איצט,אַז ישראל איז געוואָרן אַ ווירקלאַכקײט,דאַרפן מיר,אין די אינטערעסן פון די לענדער אין וועלכע מיר לעבן,טאָן אײנס פון די דאָזיקע צווײ זאַכן.. אָדער אַרײנפאָרן קײן ישראל,ווערן אַ בירגער,און ער פאַרגעסט ניט צו דערמאָנען, לעבן לויט דעם שולחן ערוך,ווי דאָס רעליגיעזע מיניסטעריום הײסט לעבן, מיט אַלע דינים און פּיטשעווקעס...אָדער בלײבן וואו מיר זײנען,און זיך אָפּזאָגן להלוטין פון דער ײדישער רעליגיע,אָדער,ווײניקסטנס,זײ אַזוי אַרומשנײדן,אַז מען זאָל זײ ניט דערקענען...אַניט...וועלן מיר באַשולדיקט ווערן אין טאָפּעלער לאָיאַליטעט. יאָ,פון צײט צו צײט,מעגן מיר

װארפן אבליק דאָרטן,װאס מאכן אונזערע פרײנט־זײנע װערטער דאָס אלץ,ניט מער.

װאס איז שײך,טאָפעלער לאָיאליטעט,איז געװען א װאונדער־בארער ענטפער אין ײדיש ענגלישן זשורנאל „קאמענטערי” אן ענטפער דער שרײבערן דאָראָטי טאָמפסאָן. אשאָד,דאס פלאץ דערלויבט אונז ניט צו ברײנגען טײלן פון דעם ארטיקל.

װײזט אויס,אז די יוצרות האָבן זיך לעצטנס געביטן.. שלום אש דער ײד,גיט אָפ יאָרן ארבעט,כדי צו באװײזן די גרויסקײט,געטלאכקײט פון יעזוסן,בשעת דער גוי פיער װאן פאאסן שרײבט אָן א בוך צו באװײזן די ליגן,פארדרײטע פאקטן װעגן דעם ײדישן אנטײל אין יעזוס קרײציקן..

דער ײד קעסטלער שרײבט װעגן א נײ געבוירן לאנד מיט פראָפעסאָרישער קאלטקײט,און דער גוי ראָבערט סט. זשאן אין זײן בוך „שלום מײנט פרידן” שרײבט װי אן אמתער חבר און פרײנט מיט ליבע און צארטקײט היאן אײגענע מאמע..

פאר אונז ײדן איבער דער גאנצער װעלט,איז ישראל,ניט נאָך א לענדעלע,נײערט,דאָס געטרוימטע לאנד. לאָמיר האָפן, אז מיר װעלן קײנמאָל ניט בלײבן אנטוישט..

דאס בוך קעסטלערס,מיט אלע פעלערן,איז דאָך א װיכטיק בוך,װײל עס פארגרעסערט די פאָטענציעלע פעלערן,די װאָס זײנען שוין,איצט פאראן,און יענע װאס קאָנען װערן א שטער פאר דער װײטערדיקע אנטװיקלונג פון לאנד.

פאראן גענוג מאטעריאל פאר יענע פרײנט פון ישראל װאס באפרידיקן זיך ניט בלויז מיט פאָעזיע,נאָר װילן זען,אז ישראל זאָל,באמת װערן א מוסטער שטאט פאר דער װעלט.

לאָמיר װײזן דער װעלט,אז מיר קאָנען אויך די מלאכה פון פארװאלטן א שטאט אף סאָציאליסטישע יסודות אָן דער הילף פון דער האק..

אין קומענדן נומער װעלן מיר געבן א קורצן איבערבליק איבער קעסטלערס דערמאָנטן בוך „דיאלאָגן מיט דעם טויט” געשריבן אין דער פראנקאָ תפיסה.

ביכער װאס װעלן באהאנדלט װערן אין שפעטערדיקע נומערן, „1984” פון זש. אָרװעל. א בײסיקע סאטירע אף דיקטאטור. א שװארצע נבואה אף ענגלאנד,בלויז א צופאל. אויך פראָפעסאָר סידני הוקס בוך,„דער העלד אין דער מענטשלאכער געשיכטע” פראָפעסאָר הוק,איז אײנער פון די אינטעלעקטועלסטע שרײבער און דענקער אין די פארײניקטע שטאטן,װי אויך אן אינטערנאציאָנאלע פיגור.

אסתר אלטמאן

אן ענטפער י. באָרענשטײן.

געלײענט ב.אָנפאל,אנדערש זע איך דאס ניט,אף דעם קלײנעם
שטעטל, און װיל מאכן עטלאכע באמערקונגען.
לאָמיר אויסלאָזן די פרוכטלאָזע דעבאטעס און דיסקוסיעס
װעגן דעם,װער עס איז געװען גערעכט און װער סאיז פארבליבן דער נאר..װאָס מיך אינטערסירט איז,װי אזוי קאָן א
מענטש װאס קומט אלײן פון קלײנעם שטעטל,בענדין,װעלן
פארלײקענען און אָפשפעטן פון אלץ װאס דאס קלײנע שטעטל
האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט..שװער צו פארשטײן,אויסער...
ער װיל אָפמעקן דאס קלײנשטעטלדיקע װאס איז אין אים,פונקט
בײ אונז אלעמען פארבליבן. אפשר װאָלט אונזער פרײנט פרויד
געקאָנט געבן אן ענטפער...
אָט זעט.דר.מערקין,אלײן אויסגעװען א װעלט,איבערגעלעבט
א װעלט,מאָסקװע,בערלין,פאריז.ניט בלויז געװען.נאָר טאקע
געלעבט,געװען טעטיק און פארקערט אין פײנע אינטעלעקטועלע קרײזן,און דאָך,װיל ניט,פאר װאָס יאָ,אָפמעקן אָדער אויס
לאכן דאס קלײנע שטעטלע.איך האב שוין אמאָל באמערקט,אז
עס זײנען געװען שװערע,שרעקלאך שװערע צײטן פאר אונזער
יוגנט.דאס האט ניט קײן זין צו װעלן לײקענען.אָבער,ניט
קוקנדיק אף דעם אלעם,האט דאָך אונזער יוגנט זיך ניט געװאָלט אונטערגעבן און געקעמפט,מאנכעסמאָל,א העראָאישן קאמף
קעגן אלץ ארום.קעגן אָפגעשטאנענקײט,פאנאטיזם,אָרימקײט
נאציאָנאלע רדיפות.
קאָן מען דאס,מעג מען דאָס אויסלאכן,בלויז דערפאר,װאס
די רעאקציע מיט אלע שװארצע כוחות האָבן אונז געמאָרדערט?
און אז אונזערע נביאים האָבן מיט יאָרן צוריק געפרײדיקט
גלײכהײט,קעגן שקלאפערײ קעגן קעניג,אײנגעפונדעװעטער
מאכט,איז דאס ניט געװען,גלײך פון אָנהויב א פארשפילטער
קאמף? מעגן מיר פון זײ לאכן,בלויז דערפאר װאס אפילו אין
זײער צײט האָט מען פון זײ געשפעט און חוזק געמאכט.
שטעלט אײך פאָר אזא סצענע..
אלע ײדן,פויערים פון די ארומיקע שטעטלאך און דערפער,
פארזאמלט אין ירושלים,מען זינגט און מען הוליעט אף
װאס די װעלט שטײט,עס פעלן אויך ניט אויסגעלאסענע און
װילדע אָרגיעס.א רויך גײט פון מזבח פון די געברענטע
קרבנות,א לעבן אף װעלבע די פויערים,פשוט פאָלק,האט גע־

װארט חדשים.װײל מען טאקע א לעב טאָן. און שטעלט זיך א װעק(הײנט װאָלט מען געזאָגט א נודניאַק)און עמוס און װײל צעשטערן דעם גאנצן יום טוב,חױבטאָן פרײדיקן עפעס אזעלכע מאָדנע געדאנקען,אָפּשאפן שקלאפערײ,גערעכטיקײט רחמנות אפן אָרימען מענטשן..א.א.װ.

קײן צו גרויסן דערפאָלג,שטעלן מיר זיך פאָר,האָט ער דאן ניט געהאט.און װעט איר,אפשר װעלן אָפּלײקענען זײן,אָדער גרויסקײט פון אונזערע שריפט נביאים,בלויז דערפאר,װאס אין זײער צײט זײנען זײ אויסגעלאכט געװאָרן? נײן! דערפאָלג פון אידײען קאָנען ניט געמאָסטן װערן מיט דעם ארשין פון באלדיקן דערפאָלג.עס נעמט צײט..

מיר דוכט זיך,אז בײ פרײנט באָרענשטײן טליעט נאָך גענוג סענטימענטאלע בענקעניש נאך דעם קלײנעם שטעטל.אין דעם בין איך,כטעט זיכער.װען מען װערט עלטער,ספעציעל,בײנקט זיך נאָך דעם פלאץ װאו מען האט געשטעלט די ערשטע טריט. און מבטל מאכן אלץ,בלויז צוליב דעם װאס אונז האט זיך געלעבט שלעכט,איז ניט ריכטיק.

אדרבה,ניט קוקנדיק אף די אלע שלעכטע זאכן,דאָך האָבן מיר באװיזן צו באלעבן אונזער סאָציאל און קולטורעל־לעבן. פארגלײכט די אמעריקאנער יוגנט,האָט אלע מעגלאכקײטן,ניט װי מיר,און זעט װאס זײ טוען־־און אונזער אמאָליקע ארבעט אין א װעלט פול מיט שטרויכלונגען,און מיר דארפן ניט װערן בײ זיך געפאלן,אָדער װעלן דאס אף א ניט פײנעם אופן אויסלאכן און אָפּשפעטן..

װעגן דעם,װאס אונזער יוגנט האָט אויסגעלאכט די ציון אידעאלן,נו,ניט אלע.געװען בײ אונז אין קלײנעם שטעטל גענוג פאר אלע פארטײען..אדאנקען גאָט..

און בין איך הײנט,מיט לײב און לעבן פאר אן אײגן לאנד,װאס דאמאָלט בין איך געװען קעגן,טאָ האָזשע באװײזט דאָס? מענטשן מעגן בײטן זײערע מײנונגען,די גאנצע װעלט האט זיך היפשלאך געביטן..װאו נעמט איר די זיכערקײט,אז װען די יוגנט װאָלט דאן געװען ציוניסטיש װאלט דער ײדישער חורבן ניט פארגעקומען און מיר,װי איר דריקט זיך אויס,"איך פארזיכער אײך(װי אזוי׳) אז װען מיר ײדן װאָלטן אין היטלערס צײט געהאט אן אײגענע מלוכעלע מיט מיניסטאָר װאָלט געװיס ניט געקומען צו דער פארניכטונג פון אונזערע 6 מיליאָן"פון װאנעט האָט פרײנט באָרענשטײן אזא גענױע זיכערקײט,איז מיר שװער צו באגרײפן.אָט,האָט פראנקרײך,בעלגיע,האָלאנד,פוילן און אנדערע יאָ געהאט אן אײגן לאנד,אן אײגענער טעריטאָריע,און דאָך זײנען זײ אָפּגעגאנגען אין טײכן בלוט,נאטירלאך,ניט אזױפיל װי מיר,אָבער דאָך,געבלוטיקט..אזוי,אז מיר קאָנען ניט זײן אזוי

זיכער בײ זיך,וועגן אויסגעמיטענם אומגליק,ווי איר זײנט דאָס.

אז מיר קאָנען שוין הײנט גלויבן אפן וואָרט,נעכטיקע מערדער און פעלקער,וואס אין דער גרעסטער מערהײט האָבן אונז ניט געהאָלפן,און געהאָלפן אונז מאָרדן און רויבן אונזער האָב און גוטס--בין איך פולשטענדיק אײנשטימיק מיט פרײנט באָרענשטײן..מיר האָבן צו טײער באצאָלט,טײערע פרײנט.

מיר מעגן נאָך אביסל צו וואַרטן אײדער מיר פארגעבן נעכטיקע מערדער. מיר קאָנען ניט טראָגן אונזער האס דאָס גאנצע לעבן ,אָבער,פרײנט קאָסמאן,מיר מעגן,פון רײן מענטשלאכן שטאנדפונקט,א ביסעלע וואַרטן,אײדער מיר דערקלערן זיך אין לובאָוו" אונזערע אמאָליקע שכנים,רומענער,אוקרײנער און „אונזערע־פאָליאקן.נשקשה,סברענט ניט..

אָט, בלויז די עטלאכע באמערקונגען,האָב איך געוואָלט מאכן צו דער,לויט מײן מײנונג,אומנויטיקער דיסקוסיע.דאָס שטעטל איז געווען און איז פארבליבן א טײל,גאָר גרויסער פון אונזער לעבן,מעגן מיר הײנט זײן גרויסשטאָטישע,ווײט אריבערגעוואקסן דעם בלאָטנעם געסל אדער חזיר מארק.

סאיז דאָס געבורט פלאץ ווי אויך דאָס אָרט וואו אונזערע נאָנסטע און טײערסטע האָבן אויסגעהויכט זײער לעבן אָטם, מיר טאָרן דאס ניט פארשפעטן אדער אויסלאכן.בשום אופן ניט.

וועגן ײדיש.

איך האָב קײנמאָל ניט געקאָנט פארשטײן,און באגרײפן ווי אזוי א שפראך וואָס ווערט גערײדט פון מיליאָנען ײדן איבער דער וועלט,זאָל פון מאנכע באטראכט ווערן ווי עפעס אן אָנשיקעניש אָדער פארברעכן. 6 מיליאָן מענטשן זײנען גענוג צוצוגעבן חשיבות און רעספעקט צו זײער גערײדטע שפראך.

אײן גרויסער שרײבער איז גענוג. נעמט צ.ב.אזא קלײן פאָלק ווי דאס נאָרוועגישע,בלויז 2 מיליאָן,און אײן שרײבער, ה.איבסן ,האָט די דאָזיקע שפראך פון אזא קלײן פאלק געמאכט אומשטערבלאך.. און כאָטש ײדיש האָט ניט ארויסגעגעבן קײן איבסן,דאָך פארמאָגט זי גענוג שרײבער,פאָעטן, נאָוועליסטן,דראמאטיקער און סאטיריקער,מיט וועלכע זי קאָן באמת זײן שטאָלץ. די הויפט זאך,ײדיש איז דער סימבאָל פון מיליאָנען ײדן איבער דער וועלט,וואָס לעבן זײער אײגנארטיק ײדיש לעבן. דורך ײדיש דערקענען מיר זײ. דורך ײדיש לעבט זיך אויס א פאָלק. ---- ישראל זאנגוויל

וועגן קלײנעם שטעטל אין פוילן.

מען באקומט אינגאנצן א טאלמש בילד פון ײדיש לעבן אין אלט פוילן, ווען מען האָט פארן אויג בלויז די גרעסערע קהילות. ײדיש לעבן האָט זיך גראָד צעבלים אין די נײע קלײנע ישובים. דאָ אין שטעטל, איז ניט נאָר די הײם, נאָר אויך די גאס געווען ײדיש, אין א געוויסער הינזיכט האט דאָס ײדישע שטעטל געשפילט די זעלביקע ראָלע, וואס דאָס דאָרף האָט געשפילט אין לעבן פון דער ניט ײדישער באפעלקערונג.

דאָס שטעטל איז געוואָרן דער גרויסער רעזערוואואר פון ײדיש נאציאָנאלער ענערגיע. אויך גײסטיק, איז דאָס שטעטל געווען אן אומאויסשעפלאכער קוואל פון נאציאָנאלער קראפט.

דער נס פון פוילן איז גאָר אין א באדײטנדער מאָס געווען דער נס פון ײדישן שטעטל.

דאָ אין קלײנעם שטעטל איז דאָס לעבן געווען פיל גרינגער און באקוועמער ווי אין דער גרויסער שטאָט. אפילו די באציאונגען צווישן דער ײדישער און ניט ײדישער באפעלקערונג איז אויך געווען אסך פרײנטלאכער און מענטשלאכער, ווי אין דער גרויסער שטאָט. כמעט ניט געווען קײן עקאָנאָמישער דרוק ווי אין דער גרויסער שטאָט. די קלײנע צאָל קריסטן זײנען על פי רוב געווען פויערים און באאמטע.

אין אונזער ליטעראטור פארנעמט דאָס שטעטל א גאָר א באזונדערן פלאץ, און דאָס איז זיכער ניט קײן צופאל.

(ארויסגענומען פון דעם 9טן באנד ײדישע ענציקלאָפעדיע)
פון א. מענעס.. הויפט רעדאקטאר פון דער ענציקל.

אין מײן שטעטל איז יעדער קבצן געווען א באהאלטענער פרינץ.
יעדער ײד האָט געהאט א פונק פון א גײסטיקן אריסטאָקראט.
דאָס שטעטל איז געווען ווי אײן גרויסע משפחה..
מ. אָלגין.

דער ײדישער היסטאָריקער מוז זיך אָפגעבן א גענויעם חשבון וועגן דער ראָלע פון ײדישן שטעטל. צום ערשטן מאָל אין מזרח אײראָפע, האָבן די ײדן באוויזן זיך צו באפרײען פון אנטי ײדישע געזעצן, געטאָ לעבן, און שאפן זײער אײגענער שטאָט. דאָס האָט זיך זײ אײנגעגעבן אין דער פאָרם פון שטעטל.
(ײדישע ענציקלאָפעדיע)

מרדכי איש טוב ישראל

א יאָר טעטיקײט.

אין חודש יאנואר לעצטן יאָר, איז אין בולעטין געװען אָפגעדרוקט אָן אױפרוף צו אלע זשעלעבאָװער איבער דער גאנצער װעלט, אָנצופירן אָן אקציע לטובת די זשעלעבאָװער עולים אין ישראל. װי שטענדיק, אין אזא פאל, האָבן זיך די פרײנט, ליבוש און שאָלעק זיך געשטעלט צו דער דיספאָזיציע מיט זײער גאנצן ברען און אימפעט.

איצט, נאָך א יאָר ארבעט װיל איך אײך, אין קורצן, איבערגעבן די רעזולטאטן פון דער דאָזיקער אקציע. די רעזולטאטן און דערגרײכונגען. מײנע װערטער זײנען געװענדעט צו אונזערע גרופעס, װאָס האָבן זיך דירעקט באטײליקט אין דער קאמפאניע: באָגאטא, מעדעלין, באראנקילא, פאנאמא. ניו יאָרק, אױסטראליע, סט. פאול, און קאָסטע ריקע.

פון יחידים, בערל העפנער, גיטל העפנער, לײבל גרײצער, רבקה קאנער, משה באָראָכאָװיטש, סטײן פון קאנאדע.

זאָל אויך דערמאנט װערן די פרויען גרופע פון באראנקילא, פרויען גרופע אין באָגאטא און דער דראמאטישער קרײז אין קאָסטע ריקע. (װעגן די לעצטע, װעלן מיר נאָך רײדן שפעטער)

טײערע פרײנט. איך װיל אײך איבערגעבן עטלאכע ציפערן. אָבער, ציפערן אלײן זײנען ניט גענוג. מען דארף פארשטײן, דעם אינהאלט, די נשמה, אפילו טויטע בוכשטאבן האָבן אויך א נשמה.. װעגן דעם װיל איך רײדן.

אין פארלויף פון יאָר האָבן מיר פון אײך דערהאלטן א סומע פון 1060 פונט. פון די זשעלעבאָװער דאָ, אין ישראל, איז געזאמלט געװאָרן 100 פונט. ד.ה. צוזאמען 1160פונט. אין דער זעלבער צײט איז פארטײלט געװאָרן בארעס געלט, 503 פונט. געשאפן באנק הלװאות מיט אונטערשריפטן פון חװ אף א סומע פון 355 פונט. בײ אונז אין קאסע געפינט זיך איצט, 586 פונט.

נאטירלאך, אז די אויבנדערמאָנטע ציפערן זאָגן אונז עפעס. אז ניט אלע אונזערע האָבן זיך באטײליקט אין דער אקציע ניט גענוג גרופעס און ניט גענוג יחידים. אפילו דאָ, אין ישראל האָבן זיך ניט אלע באטײליקט. דאָס איז באמת, פארדריסלאך. און גראָד אזעלכע... װאָס האָבן פרעטענציעס צו רײדן און שרײבן שײנע פראזן... אפשר װעלן מיר נאָך אמאָל פארעפנטלאכן די נעמען פון די דאָזיקע „געבערס. פארשטײט זיך, אז װען אלע, אָדער די גרויסע מערהײט װאָלט

זיך געװען באַטײליקט װאָלט די ארבעט געװען א פיל גרעסערע,
און מיר האָלטן געקאָנט פארװירקלאכן פיל פון אונזערע
פלענער װי,קאָאָפעראטיװ,כפר זשעלעכאָװ א.א.װ.
אביסל זײנען אויך אונזערע נײע עולים שולדיק.
ניט פאראן,צום באַדויערן,דער עלעמענט װאס קאָן קוקן א
ביסל װײטער..איך װיל,הלילה,קײנעם ניט באַשולדיקן.
די נײ געקומענע,זײנען מיד,פארמאטערט און װילן זיך
שאפן אן אײגן װינקל. פאר זיך,פאר פאמיליע. אהײם.דאָס
ביסעלע װארימקײט װאס א הײם קאָן געבן.קאָן מען אף זײ קײן
פארײבל האָבן. מיר האָפן אז מיט דער צײט װעלן זײ קאָנען
זען אביסל װײטער.און דאן...אפשר,װעלן מיר קאָנען רײדן
װעגן אונזערע פלענער.
װאָס איז אָפּגעטאָן געװאָרן אין פארלויף פון יאָר?
מיר האָבן זיך פארנומען מיט 17 פאמיליעס. אײנע,אמאמע
מיט א טאָכטער,איז צום באַדויערן,אָפּגעפאָרן פון לאנד.
7 פאמיליעס װאוינען שוין אין זײערע נײע הײמען. די 8טע
װעט שוין אין די נאָנסטע טעג,קריגן א װאוינונג.
דאָס געלט פאר דער װאוינונג,איז שוין,טײלװײז באצאָלט.
פאר 6 פאמיליעס,געהאָלפן שאפן די נויטיקסטע שטוב אײנריכטונגען.
מיר באַמיען זיך איצט צו שאפן א װאוינונג
פאר נאָך 2 פאמיליעס,װאס זײנען געקומען אין די לעצטע
װאָכן. אויסער 3 פאמיליעס,זײנען אלע גוט אײנגעאָרדנט.
בויען זײער נײע הײם און פילן שוין דעם טעם פון זײן א
פולער בירגער אין אן אײגן לאנד. די געלט אין קאסע,586
פונט װעט אונז דערמעגלאכן נאָך 4 פאמיליעס װאָס געפונען
זיך שוין אין ישראל. פיל פון די פריש געקומענע,זײנען
שוין פײאיק צו העלפן אנדערע.אײניקע,האָבן שוין צוריקגעצ
צאָלט די געבאָרגטע געלטער. 58 פונט. עס מוז געזאָגט
װערן,אז אלע צאָלן זײערע חובות,פינקטלאך,אין צײט.
אָט דאָס פארשאפט אונז,זשעלעכאָװער,אסך נחת און פרײד.
דאָס איז דער שכר פאר אונזער ארבעט.דאס איז אויך,
טײערע פרײנט,אײער שכר. אײער לוין.װײל איר זײנט דאָך
שותפים צו דער דאָזיקער הײליקער ארבעט.
איך פארזיכער אײך,אז װער פון אײך עס װעט קומען אהער,
אף א באַזוך אָדער זיך באַזעצן,װעט געפונען בײ אונז א
װארימע הײם,װארימען װינקל,זשעלעכאָװער װארימקײט װאָס
מיר האָבן געהאט אין אונזער שטעטל.
איך װיל אויסדריקן מײן הארציקן דאנק,דעם דראמאטישן
קרײז אין קאָסטע ריקע,עס איז ניט אזוי דאס געלט גופא,
נאָר װי אזוי דאס געלט איז געשאפן געװאָרן. דאס באַװײזט,
אז די גוטע טראדיציעס פון אונזער שטעטל זײנען ניט
פארלאָרן געגאנגען אפילו אין די װײטע מקומות..

עס דערמאָנט זיך אונז דראמאטישע קרייזן אין אונזער שטעטל, וואָס פלעגט מאכן פאָרשטעלונגען כדי ארויסצוהעלפן א חבר אין נויט. נאָך מיט 26 יאָר צוריק, האָט מען געגעבן א פאָרשטעלונג "פאמיליע צבי", און די גאנצע איינאמע איז געגעבן געוואָרן א נויט באדערפטיקן חבר.. יאָ, דאָס איז אונזער זשעלעכאָווער טראדיציע. און מיר זיינען שטאָלץ מיט אייך, פריינט אין קאָסטע ריקע.

אויך די פרויען גרופעס אין באראנקילא און באָגאטא זעצן פאָר די נאָבעלע ארבעט פון אונזערע באָבעס און מאמעס. ווער נאָך ווי א פרוי קאָן אזוי פילן דעם חענוג פון איינאָרדענען זיך אין אן אייגענער היים?!

ביי אונז אין ישראל געפונען זיך 2 פרויען אָרגאניזאציעס, וויצאָ און די ארבעטער פרויען אָרגאניזאציע, וואָס שאפן באדייטנדע, קאָלאָסאלע סומעס צו העלפן אפן געביט פון סאָציאלער פארזיכערונג. האלטן אויס קינדער היימען, יוגנט־קלובן, בית חלוצות, ווירטשאפטן פאר ארבעטער מיידלאך. ניט איינמאָל האָבן מיר שוין געקראָגן שטיצע פאר אונזערע פרישע עולים. וואונטשן מיר אייך זשעלעכאָווער פרויען גרופעס, פארצוזעצן אייער ארבעט, הייליקע, און דערמיט פארייביקן דעם אָנדענק פון אונזערע נאָנסטע און טייערסטע.. מיין אנערקענונג פאר אייער וויכטיקע ארבעט. ווערט ניט מיד.

עס איז מיר אומעגלאך, אייך איבערצוגעבן אלץ וואָס עס שאפט זיך ביי אונז אין לאנד. טאָג טעגלאך זעען מיר ראָ, מעשה בראשית. א רעוואָלוציע פון בויען און שאפן.. א פאָלק ווערט אויפסניי געבוירן... מיר האָבן זוכה געווען צו זיין עדות, ווי געשיכטע ווערט געשאפן און אן אלט פאָלק איז ווידער יינג געוואָרן.. א ניי לעבן א נייער אינהאלט. און איר אלע, וואָס העלפט אונז צו אין דער דאָזיקער הייליקער ארבעט מעגט באמת זיין גליקלאך און שטאָלץ. איר העלפט בויען א היים פאר אונזערע נאָנטע חברים און פריינט ——א היים פאר זיך..

כדי צו באקעמפן דערפאָלגרייך דעם אנטיסעמיטיזם, מוזן מיר אליין זיך באפרייען פון דער שקלאפן מענטאליטעט, וואָס אונזערע שונאים האָבן אף אונז ארויפגעצוואונגען, אָדער געוואָלט ארויפצווינגען. בלויז ווען מיר אליין וועלן זיך רעספעקטירן, וועלן אויך אנדערע האָבן פאר אונז דרך ארץ. בעסער מיט אונזער זעלבסט רעספעקט וועלן מיר צווינגען אנדערע אונז צו שעצן און רעספעקטירן..

אלבערט איינשטיין...

צו די זשעלעכאָװער פרויען אין דער גאָרער װעלט.

איך װענדע זיך צו אײך פון פאריז,פונװאנעט איך פאָר מאָרגן אָפ קײן ישראל. איך רײד צו אײך װי צו מאמעס פון קינדערלאך,איבער װעמען איר ציטערט מיט אײער גאַנצן מאמע הארץ...צו מאמעס װאָס װאכן איבער זײערע קינדערלאך זעען זײ װאקסן,װערן עלטער אונטער דער מאמישע אויפזיכט פול מיט װארימקײט און צארטע ליבע..

איר זײט,באמת,גליקלאך צו זײן מיט אײערע קינדערלאך,און זײ, מיט אײך.

שוין דרײ טעג,אז איך האָב באזוכט אין פאריז א יתומים - הויז ,קינדערלאך,װעמעס עלטערן זײנען ברוטאל דערמאָרדערט אין דער צײט פון דער נאצישער װערשאפט,און ביז הײנט קאָן איך מיך,בשום אופן באפרײען פון דעם שרעקלאכן אײנדרוק.

אײן אײן הויז,קינדערלאך,אין עלטער פון 8 ביז 14.

איך זע נאָך די פארװאסערטע אײגעלאך װאָס האָבן שוין געזעען פיל מאָל דעם טויט ..שרעק,װילדער פחד .. אנשטאט מאמישע צערטלאכקײט.

די פירערשאפט פון די קינדער הײמען טוט איבער די כוחות צו קאָנען שאפן א װארימע מענטשלאכע הײם פאר דידאָזיקע יתומימלאך,אָבער,די פאָנדן קלעקן ניט.

איך פיל מיך נאָך צעבראָכן פון דעם בילד װאָס איך האָב דאָרטן געזעען..אונזער אָפגעראטעװעטער אוצר,די ליבע און זיסע קינדערלאך,מיט פארלאטעטע שיכעלאך,ארויסטארטשענדיק פינגערלאך,שטעק שיכעלאך,צעריסענע פארלאטעטע...

טוט מיר װײ מײן הארץ.װילן מיר,אז איר אלע זשעלעכאָװער פרויען איבער דער גאָרער װעלט,זאָלט העלפן די דאָזיקע אומגליקלאכע קינדערלאך,װעמען דער גורל האָט בארויבט פון טײערסטן אין א מענטשלאך לעבן,זײן טאטע און איבערהויפט -די מאמע..

מיר װילן שאפן אָנטועכץ פאר די יתומימלאך.העלפט אונז אין דער דאָזיקער נאָבעלער ארבעט.

אונזער אָרגאניזאציע,און ספעציעל די פרויען װעלן ניט אָפזאָגן זיך פון אזא הײליקע ארבעט.

אײער לײבוש פאריז

יאנואר דעם 12טן 1951

לײבוש פאריז

עפעס װעגן מײן נסיעה

דער טאָג פון אָפפאָרן.אינדערפרי פיר איך אװעק די נויטיקע זאכן צו דער שיף.שרײב אָן עטלאכע נויטיקע בריװ.מיר,איך משה,זײן פרוי,אברהם און מלכה פרוכטענבערג,עסן צוזאמען נאכט עסן.מיר פאָרן אלע צו דער שיף צוזאמען מיט מײנע פלימעניקעס.

כוליע הימעלפארב פון בראנקילא,א פרײנט פון די זשעלעכאָװער,איז געקומען קײן ניו יאָרק שטעלן א מצבה זײן פרוי, אונזער אלעמענס ליבלינג,בעלא. ער װארט שוין בײ דער שיף און מיר לאָזן זיך אװעק אף א שפאציר אָנקוקן דעם ריז, די קװין מערי.

די שיף איז א גאנץ גרויסע,81,273 טאָן.נעמט אין זיך ארײן פעק מיט פעק.פונקט װי א גאנץ שטעטל. דער לוקסוס און פארשװענדערישקײט פון ערשטן קלאס װארפט זיך גלײך אין די אויגן. גרויסע רחבותדיקע צימערן.מאנכע זאָגאר מיט עטלאכ באָד צימערן,קאָסטבארע מעבל,קונסט בילדער פון גרויסן װערט.נאָך מער פארשװענדעריש איז די זאל,אָדער זאלן װאו דער עולם פארברײנגט,לעבט א גוטן טאָג. די זאל איז ריזיק גרויס,גאָר הויך,אָנהויבנדיק,מיט די װענט,בילדער,סקולפטורן,טישן,בענק,װאקטנדע בלומען,קאנדעלאברעס,קינאָ,טצענע,ש שפיל פלעצער א.א.װ. שטעלן מיט זיך פאָר עפעס אזוי װי א גן עדן אף דער ערד,אנטשולדיקט,אפן װאסער.

אומעטום באמערקן זיך די אויפשריפטן,ארײנגאנג בלויז פאר פאסאזשירן פון ערשטן קלאס.יאָ,פארגעסן אין ריזיקן בילד בײם ארײנגאנג,פון קעניגלאכן פאָר,ירום.הודו..

מיר הויבן אָן גײן נידעריקער און נידעריקער 8 שטאָק. װײניקער אויסשטאטונג,אָבער אלץ מיט אויסערגעװײנלאכע רחבות.

איך געפון מיך אף דעק ב.װאָס איז באשטימט פאר טוריסטן. מײן קאבינע איז ניט איבעריק גרויס,אָבער גענוג באקװעם פאר צװײ מענטשן.פאראן קאבינעס פאר פיר פערזאָן אויך. די מעבל אין קאבינע,צװײ בעטלאך,א שענקל,צװײ מלבושים קלאָזעטס, אלמערס. קאָס מאָל זײנען מיר פון אויבן און יענער אונטן.

מײן שכן איז אן אמעריקאנער יחסן,אן אירלענדער,װאס פאָרט באזוכן,ענגלאנד און פראנקרײך,און קלײבט זיך צו באזעצן,אף א שטיקל צײט,אין א פראנצויזישער פראװינץ שטעטל.פון בארוף איז ער,א מאלער װאס האלט נאָך אין

שטודירן. אונזער עס זאל איז זײער גרויס און זעלטן פײן אײנגעאָרדענט.די עסנס און די באדינונג איז װאונדערבאר.

מײנע טיש שכנים,א דאָקטאָר פון סקאָטלאנד מיט זײן פרוי,װאס זײנען געװען אין די שטאטן אף א באזוך,אן ענגלישע פרוי,װעמעס טאָכטער האָט חתונה געהאט מיט אן אמעריקאנער,צװײ האָלענדער און צװײ בעלגיער,װאס האָבן געארבעט אין קאָנאדא איבער צװאנציק יאָר. פאָרן זײ איצט אהײם זעען זײער אלטער הײם צי עס איז פאראן א מעגלאבקײט זיך אײנצואָרדענען,אניט ,װעלן זײ זײן א שטיקל צײט און צוריקפאָרן.

א װירװאר אן אמתער אינטערנאציאָנאל. א געמיש פון שפראכן,פעלקער,פארשידן אין אויסזען און אין זײער באציאונג צו זײערע שכנים. אין אָנהויב איז די באציאונג,קאלט מען טוישט זיך אויס,מיט א װאָרט בלויז,שפעטער,אפן דעק, װערט מען דרײסטער,מען פרעגט זיך שוין װאו מען פאָרט, סבילדן זיך אויס קלײנע און גרעסערע גרופקעלאך װאו מען זעט זיך שוין צוזאמען אפן דעק,קינאָ װי אויך בײם עסן.

אחינו בני ישראל זײנען אויך פארטראָטן.און װי פארשידן..א רב מיט זײן פאמיליע װאס פאָרן זיך באזעצן אין ישראל,אנדערע װאס רײדן הויך אפן קול,און גראָד אף פראָסטמאמע לשון,ײדיש,װאו מען קאָן מאכן א גרינגען דאלאר...

די ערשטע נאכט איז מיר שװער אײנצושלאָפן.פון אײן זײט דער ציטער פארן מעגלאכן קראנק װערן,פון דער צװײטער זײט די שטארקע מידקײט.

יאנואר דעם 5טן.

שפאציר אויס אפן דעק.גײ עסן מיט אציטער װיל ניט נעמען קײן איבעריקן ביסן. כדי ניט קראנק װערן.. בין שטארק הינטערשטעליק אין ענטפערן בריװ.נעט זיך גלײך צו דער ארבעט. הער אויף. זאָל זײן א טאָג פון אָפרו.

דער פראָגראם פון טאָג..ארום 10 סימפאָנישע מוזיק.נײעט, לערנען זיך אָנטאָן די רעטונגס גארטל,און דאן א פילם, (אויב עס װילט זיך דיר זינגען)

טײ און צובײסן אלא באָגאָטא באגלײט מיט מוזיק.פערד רײסעס מוזיק,בינגאָ שפילן,טערניטשקע,און שפעטער װידער א פילם.

נאָכן פרישטיק כאפן מיר א שפאציר אפן דעק.עס פרישט אויף די קילקײט פון ים.

ארום מיטאָג צײט,װידער עסן. אן אויסװאל פון אלדאָס גוטס. װידער שפאצירן.פיל ניט שלעכט,דער קאָפ דרײט זיך אביסל. כאפ א דרימל אף א צװײ שעה.

באשליס,גענוג גערוט,נעם זיך צום שרײבן. שרײב מיט דער האנט אנשטאט שרײב מאשין.

כאפ זיך ארײן אין שולעכל,װאו סזײבען פארזאמלט 9 ײדן.

מיך דערזעען,האָט מען זיך דערפרייט,שוין זיין א מנין.. דאָס שולעכל,א קליינס,איינגעאָרדענט מיט געשמאק.אלץ איז אונטער דער אויפזיכט פון לאָנדאָנער ראבינאט.דער ארון קודש,געמאכט מיט געשמאק,די ווענט פון פיינעם האָלץ.דאָס זעלבע,דער עמוד.די אויפשריפטן אין ענגליש און העברייאיש

איך מוז אוועקגיין,וואָלט אָבער וועלן די יידן ארויסהעלפן ווייל אליהו וויל זיך ניט באווייזן ביז עס וועט זיין א פולער מנין...איך אנטשולדיק מיך פאר זיי. קום צוריק און די 9 יידן דערפרייען זיך מיט מיר ווי מיט אן אבן טוב...

געפונען אויס ,אז די צייט האָט געטאָן דאָס איריקע,איך מוז מיך שטארק היטן...

פאָלג נאָך זייערע באוועגונגען,ווען זיי הויבן זיך אויף אָדער זעצן זיך און ווען צו בלייבן שטיין...

שוויצנדיק אין מיין קאפעליוש,וואס איך בין שוין ניט געגאנגען א לעבן לאנג,ווי א ביבער,בין איך קוים איבערגעקומען דאס דאווענען.

איך האלט שוין די קליאמקע אין דער האנט,דער חזן לאָזט זיך גיין צו מיר,וואס לויפט איר אזוי?דריי שיף וועט דאָך פון אייך ניט אנטלויפן.געמוזט צוזאָגן,אז איך וועל קומען אָן צו מאָרגנס,שבת,דאווענען.

גיי ארויס אביטל שפאצירן אפן דעק,נאָכן נאכט עסן,גיי איך זעען א פילם און שלאָפן.

יאנואר דעם 6טן.

אלץ גייט ניט שלעכט.אמעריקאנער יידן ,וואָלטן געזאָגט„נאק וואוד"(האק אין האָלץ.) באקען זיך מיט מער מענטשן,איינציגע יידן.מערסטע,סוחרים,אָדער אזעלכע וואס שטרעבן צו ווערן..

א פאר פאָלק וואט פאָרט אויך מיט מיין קומענדער שיף„ארצה־קיין ישראל.

הער פיינע מוזיק.זע א פילם און באווייז נאָך אָנצושרייבן 5 בריוו פאר מיטאָג. נאָכן עסן א שפאציר אפן דעק,סאיז שניידנד קאלט און דערפרישנד..

די ריזיקע שיף גייט זיך אביטל א וואקל,אָבער ניט שלעכט.

ארום 4 אזייגער,טיי מיט צובייס.באקען זיך מיט מיינע טיש־שכנים,א מאן מיט א פרוי,ביידע פון סקאָטלאנד,פון באזונדערע געגנטן.ביידע ארבעטער.דער מאן געווען אין די שטאטן אף באזוך.די פרוי האָט געארבעט 18 חדשים.דערציילט וואס זי האָב אלץ פאראיבעריקט.זאכן וואס אין ענגלאנד וואָלט זי קיינמאָל ניט געקאָנט קויפן.אָדער דערגרייכן. ביידע אונטערשטיצן די לייבאָר רעגירונג.דער מאן,אָן אויסזעצונגען,די פרוי,מיט אביסעלע קריטיק. ביידע ריידן קריטיש וועגן די יוניאָנס און זייערע פירער.די פרוי ריידט מיט פארביטערונג וועגן רעמזיי מאקדאָנאלד און איז אויך,ווייניק באגייסטערט פאר בעווינען.

אלס סקאָטלענדער פילן זײ זיך העכער פון די ענגלענדער, גרעסערע מיוחסים.מיר פארברײנגען געמיטלאך אף דער שיף. עס רוקט זיך אָן די צײט שוין מײן באָדן זיך אין א ספעציעל צוגעגרײטע וואנע,וואס מען קאָן ניט נעמען ווען מען וויל אין ערשטן קלאס.דאָ זײנען פאראַן אסך פאסאזשירן און ווײניקער וואנעס. איך רו מיך אָפּ,ווידער עסן.דער אונטערהאלט בײם עסן ווערט פרײנטלאכער און ווארימער. שרײב אָן נאָך 7בריוו און גײ שלאָפן.

יאנואר דעם 7טן.

דער דריטער טאָג אף דער שיף.דאָס וואסער ווערט שטורמישער. דער ריז הויבט זיך אָן צו וואקלן,שלעפט מיט די טישן, בעטלאך און מענטשן.מען הויבט אָן זען ווײניקער מענטשן בײם עסן. די קראנקײט האָט דאָך ניט אויסגעמיטן.. אין אלגעמײן פילט זיך ניט שלעכט.טראָץ דעם פאודרײטן קאָפּ פיל איך גאנץ גוט. זע אן ענגלישן פילם.דעם מחבר גײט אין לעבן צו באווײזן,אז די פראנצויזישע רעוואָלוציע האָט געטראָג דעם כאראקטער פון רויב און מאָרד..די רעוואָלוציאָנערן בילדע מיט העק וואס ווילן אויסלאָזן זײערע חיהשע אינסטינקטן,ניט מער..וואס מיר אידעאלן...
די נאכט שלאָפן מיר שלעכט.דאָס שטארקע שאָקלן פון שיף ווארפט אלץ אום אין דער קאבינע.

יאנואר דעם 8טן.

פונקט ווי אף א וועט,באמיען זיך די כוואליעס ארויסווײזן זײער גבורה קעגן דער ריזיקער שיף. די לעאטע וויגט זיך אין אלע זײטן.ערשט איצט,זעען מיר וואס עס וואָלט געמײנט פאָרן מיט א קלײן שיפעלע. פיל ניט שלעכט.באשליס ווײניקער עסן. אָבער,דער אפעטיט קומט מיטן עסן.עס הונגערט זיך. שפעטער זעען מיר א צײטיקן פילם,טעזאָן,אין א מזרח לאנד (פארשטײט זיך) בויט זיך א לאבאָראטאָריע פון אינזעקטן כדי צו פארסמען דער מענטשהײט,ד.ה.די מערב לענדער אין צײט פון מלחמה. די ענגלענדער שיקן ארויס א שפיאָנקע, א וויסנשאפטלערן,און טראָץ די פארהיטונגס מיטלען פון דעם אײזערנעם פאָרהאנג,קײנעם ניט צולאָזן,געלונגט דאָך דער ענגלענדערן זיך ארײנצורײסן און ארויסקריגן די סודות.. ברײנגט אהײם אביסל אינזעקטן־ניט אף צו מאכן טשאָלנט.. פיל אביסל קאָפּ דרײעניש.כאפּ א דרימל,פיל אביסל בעסער. אין שרײבן בריוו,האלט איך שוין בײם נומער 45. דער פּאָסט טאריף איז דאָ ביליקער,אזוי,אז איך קאָן שפאָרן עטלאכע דאלאר. איך האָב באדארפט פאָרן מיט דער קוין מערי,כדי צו שפאָרן אונזער אָרגאניזאציע עטלאכע סענט...
אוונט א געשפרעך מיט מײנע טיש שכנים,באמיען מיר אויפווײזן ווי גליקלאך זײ זײען וואס זײ האָבן א קעניג. ווידער א שלאָפ

לאָזע נאכט צוליב דעם שאָקלן זיך פון דער שיף.

יאנואר דעם 9טן.

לעצטער טאָג אף דער שיף.אויפגעשטאנען שפעט,כמעט פארשפעטיקט דעם פרישטיק. אלע באאמטע,אויך אונזערע קעלנער, זײנען הײנט פרײנטלאכער פון שטענדיק.דערװארטענדיק א ביסל לעצט געלט.דער מיטאָג איז הײנט גאָר יומטובדיק. דער פראָגראם אויך אזוי. דער הײנטיקער פילם איז מיט זשײמס קאגני.א גענגסטער מאכערײקע. שפעטער א קאָנצערט מיט טענץ. מאָרגן הויבן מיר זיך אויף ארום 5.30 פרישטיקן װעלן מיר ארום 6.און דאן װעלן אונז די שיפעלאך,ברײנגען צום ברעג שערבורג.די קװין מערי איז צו גרויס ארײנצוגײן ביז צום ברעג.

די נאכט איז א געהויבענע,מען געזעגנט זיך.פארפאק אלץ גרײט צום אָפפאָרן.האָב אביסל זאָרג מיט מײן צװײטן שרײבמאשין װאס איך פיר פאר דעם יתומים הויז. בין איבערגעלאָדן מיט פעקלאך און פעק,װאס מען האָט מיר מיטגעגעבן. גײ שלאָפן אין דערװארטונג אפן מאָרגן.װעלן די זשעלעכאָװער מיך דערװארטן בײם באן אין פאריז? האָב איך צוגעגרײט א צימער אין פאריז אף 6 טעג?

א גוטע נאכט טײערע לײענער,מאָרגן,ארום מיטאָג צײט ,װעל איך שוין זײן אין פאריז,פונװאנעט איך װעל אײך האָבן צו שרײבן אביסל מער.

אײער לײבוש ...אף דער שיף,קװין מערי.

פון א בריװ צו פרײנט שאָלעק...

דעם 15טן יאנואר..פאריז. די זשעלעכאָװער און,לאסקעראָװער גארװאָלינער און אנדערע האלטן מיך ,כסדר פארנומען. איך טו זײ א טובה מיט מײן קומען..פריװאטע באזוכן,באנקעטן און א גרויסער באָל.די באציאונגען דאָ ,גאנץ אנדערש װי בײ אונז.פאָליטישע אמפערײען דערלאָזן ניט קײן קאָרטן שפילן דאָ אינטערטירט מען זיך נאָך אין עפעס. פאָרסטו אמאָל מיט דײן אסתרן אף א שטיקל רײזע־ אומבאדינג,פארגעס ניט פאריז.. דײן שװעסטער מיט איר מאן,יעקב בוימאײל ,מיך אָפגעװארט .כאָטש זײ װאוינען װײט פון פאריז. צוליב דער קורצער צײט מוז איך מאָרגן,מיטװאָך אָפפאָרן קײן מארסײל. גלויב,װעל צוריקפאָרן דעם זעלבן װעג. גריס אלעמען הארציק דײן לײבוש.

א דאנק בריװל. איך װיל באדאנקען אונזער פרײנט דוד װײסלעדער פאר זײנע באמיאונגען צו דערלײדיקן די נויטיקע פאפירן פאר מײן זון. לויט די צאָל טעלעגראמעס, װאָס זײנען געפלויגן אהין און צוריק־האָט אונזער פרײנט א היפש שװער שטיקל ארבעט. אהארציקן דאנק, לאָמיר האָפן, אז מיר װעלן זיך אמאָל קאָנען אָפּדינען אין נחת.

ברוך, גיטל דרעזנער באָגאָטא.

באגריסט דעם בולעטין.

צװײ יאָר איז א גאנץ פײנע דאטע, אפילו פאר גרעסערע אָרגאניזאציעס װי אונזערע מיט גרעסערע פאָנדן. דארף, דערפאר דאָס דערשײנען פון בולעטין 2 יאָר אָן איבערײס, זײן אן אמתער יום טוב פאר אלע אונזערע פרײנט איבער דער גאָרער װעלט. װאָס פארא בעטערן אופן אויסצודריקן די דאָזיקע פרייד, װי צו העלפן דאָס װײטערדיקע דערשײנען פון אונזער שריפט. אן אָנהויב, זײער א דערפרײענדיקן, האָט געמאכט די גרופּע אין ארגענטינע. אלע, אָן אויסנאם, אפילו ניט קײן זשעלעבאָװער, האָבן בײגעשטײערט א סומע פון 3,30,00 פעזעס. װילן מיר הערן פון נאָך גרופּעס װי אויך פון יחידים, לאנדסלײט און ניט קײן זשעלעבאָװער, װאָס זאָלן אונז העלפן װײטער אָנגײן מיט אונזער שריפטל. טײערע פרײנט, שיקט צו אײער מתנה צום 2 יאָריקן יובילײאום פון בולעטין. אָן פאָנדן װעלן מיר ניט קאָנען פארשענערן און פארבעסערן אונזער אויסגאבע. לאָמיר זען, אין קומענדן נומער, א צעטל פון בזיער, מיטהעלפער און פרײנט װאָס זאָל אונז געבן קוראזש צו מאכן נײע, גרעסערע פלענער, װאָס זאָל זײן אן אמתער כבוד און שטאָלץ צו זײן אין דער זשעלעבאָװער משפחה.

צו דער ארבעט חברים און פרײנט.

קװיטירטע געלטער, מתנות פארן בולעטין.

ארגענטינער גרופּע	330	פעזעס.
שאָלעק און אסתר אלטמאן	15.00	דאלאר.
פרידע און הערי אלטמאן	10.00	״״״

אלס אן אָנהויב איז דאָס ניט שלעכט. מיר װילן האָפן, אז פאר דעם קומענדן נומער בולעטין װעלן מיר שוין האָבן עטלאכע זײטן מיט נעמען און, נאטירלאך, מתנות פאר דעם בולעטין. נארן מיר זיך אָפּ??? אײער חברים און פרײנט.

באגריסונגען.

צו דער גראדואירונג פון אונזער ליב און טײער טעכטערל עלקעלע גיבן מיר א מתנה פארן בולעטין 10.00 דאלאר.

מיר באגריסן הארציק אונזער ברודער און שוועגערן צו דער גראדואירונג פון זײער זיס טעכטערל, עלקעלע, און אלס אויסדרוק פון אמת צופרידנהײט, גיבן מיר א מתנה פארן זשעלעכאָווער בולעטין ....15.00 דאלאר.
מרים טשיפעלעס, שאָלעק און אסתר אלטמאן

מיר באגריסן הארציק אונזער פעטער און מומע הערשל און פרידע אלטמאן צו זײער גרויסן יום טוב, די גראדואירונג פון זײער טעכטערל און ווינטשן זײ פיל נחת און גליק.
וואָלטער, הינדעלע, שרקעלע און נינגעס, סטיוועלע און לינדעלע.

מיר באגריסן הארציק אונזערע פרײנט הערי און פרידע אלטמאן צו דער גראדואירונג פון זײער אײנציק טעכטערל און ווינטשן זײ פיל גליק.
קארלאָס, סיגי און פאמיליעס פאנאמא.

מיר באגריסן אונזער קוזין הערי און פרידע אלטמאן צו דעם יום טוב פון זײער טעכטערל, דערצים זי אײן נחת און פרײד, האָט פיל גליק.
שמעון באראן, משה און בײלע צוקער.

מזל טוב. הערשעלע און פרידע, אײער יום טוב איז אויך אונזערע. אסך גליק.

צאריטא און אהרון אײזן פאנאמא

הארציקע גליקװאונטשן אונזערע פרײנט הערי און פרידע
אלטמאן צום יום טוב פון זײער ליב טעכטערל, עלקעלע.
דערלעבט צו האָבן אסך נחת און גליק.
טאָבטשע און משה בײטל. פאנאמא

אונזער ברודער און שװעגערן, הערי און פרידע א
הארציקן מזל טוב. אײער יום טוב איז אויך אונזערער
לאָמיר האָפן, אז אף אײר חתונה װעלן מיר אלע קאָנען זײן
צוזאמען.

חוה, יעקב בוימאײל און פאמיליע
פאריז

מזל טוב הערשעלע און פרידעלע. הײסט עס, מיר װערן ניט
ײנגער... נו, זאָל זײן מיט גליק. אגרינגע דערציונג און
נחת גאנצע קופעס...

שיע, גיטל יחסן און פאמיליע
מיאמי פלאָרידע

מיר פרײען זיך מיט אונזער גרויסן נחת און גליק פון
אונזער ליב אײניקל, עלקעלע, און װאונטשן צו דערלעבן
די גראדואירונג פון דײן טעכטערל, זיס עלקעלע.
דער זײדע מיט דער באָבע .. חיים שמעון און רײזעלע
בוימאײל מעלבערן אויסטראליע

א הארציקן מזל טוב אונזערע טײערע פרײנט חנהלע און
מאָררי, די טאָכטער פון אברהם און מלכה פרוכטענבערג,
צום געבורט פון זײער טעכטערל. דערציט זי אין נחת
און איף פרײד.

אברהם און מלכה פרוכטענבערג, מזל טוב אײך צום געבורט
פון אײער אײניקל. דערלעבט צו זען פרײד און גליק
פון אײער נײ צוגעקומענעם מיטגליד. אין נאָמען פון אלע
זשעלעכאָװער, װאונטשן מיר אײך פיל נחת.

מען לאָזט אונדז װיסן, אַז אין פֿראנקרײך איז געשטאָרבן
חײעלע באַראַן, די פֿרוי פֿון אברהם באַראַן, איבערלאָזנדיק
א מאַן און צװײ טעכטער. װילן מיר אין נאָמען פֿון אלע
זשעלעכאָװער אויסדריקן אונדזער מיטגעפֿיל דעם איבערגעבלי-
בענער פֿאמיליע, װײסט ניט מער פֿון קײן צער.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפֿן מיטגעפֿיל אונדזער פֿעטער
אברהם באַראַן צום פֿארלוסט פֿון זײן ליבֿע פֿרוי, װי אויך
אונדזערע קוזינעס װאס זײנען געבליבֿן יתומות. װײסט ניט
מער פֿון קײן צער און אומגליק.
שמעון באַראַן, הערי און שאָלעק אלטמאן, חוה און יעקב
בוימאַל און פֿאמיליעס. פּאנאמא און פּאריז.

אײנלאדונג װאס אונדזער פֿרײנט מרדכי איש טוב האָט ארויס
געשיקט צו דער פֿארזאמלונג לכבוד פֿרײנט לײבֿושעס קומען
קײן ישראל..

ארגון עולי זליכוב בישראל
לכבוד חבר לײבֿוש װײס.

ח.נ. בזה הנך מוזמן ל־כנוס חגיגי של עולי זליכוב
עם אורחנו הנכבד לײבֿוש װײסלעדער טשיקגו
שיתקיים בשבת 1951 .1. 27 (כ, שבט תשי״א) באולם
בטי״ תל אביב. (פנת דיזנגוף)
הכנוס יפתח בשעה 3 אחה״צ וימשך עד שעה 10בערב,
בהפסקה לארוחת ערב משותפת.

סדר היום של הכנוס
1) פתיחה
2) ברכות
3) ד״ש מהזליכובאים־באמריקה ובצרפת־לײבֿוש
4) הפסקה־לארוחת ערב משותפת
5) דו״ח על פעולת הארגון בארץ
6) ביולטין
7) ספר היזכור

בשם ועד הארגון

מרדכי איש טוב

זײט זשעלעבאָװער בולעטין יאנואר פעברואר 1951

פאָלגענדע פרײנט האָבן שוין באצאָלט פארן יאָר 1951 בול.

פאריז........חוה און יעקב בוימאײל	2.00
ארובא.........בערל און גיטל העפנער	2.00
קאנאדא........ס. סטײן	2.50
ניו יאָרק י. און ז. גארפינקל	1.50
פאנאמא ..... משה און טאָבטשע בײטל	5.00
אײזיק און מאניע ראָטערמאן	5.00
יאָסל ײגליצקי	5.00
בער מײכעל	2.00
שמעון באראן	2.00
ה. װײנבערג	2.00
אהרון און צאריטא אײזן,(אונזער פרעזידענט)	5.00
נײטן און ראלף שװארץ	2.00
פעלטאָנאָװיטש און טאָבטשע	2.00
אסתר און שאָלעק אלטמאן	5.00
פרידע און הערי אלטמאן	5.00
הינדעלע און װאָלטער	2.00
קארלאָס און סיגי (כמעט זשעלעבאָװער)	10.00
יצחק און ה.באָרענשטײן	2.00
יח. און ר.בײטל	2.00
ח.ברעזינער	2.00
פאָלער און פרוי	2.00
י.געלער און פרוי	2.00
איסאק אײזן און פרוי	2.00

אלס אן אָנהויב איז דאָס ניט שלעכט.. 71.50 דאל.

חברים און פרײנט ,זעט ,אז אײער גרופע זאָל
זײן פון די ערשטע. דער בולעטין איז אײערער.
העלפט אונז אָנגײן מיט דער ארבעט,אָן די זאָרג,
װאו צו נעמען געלט ארויסצוגעבן אונזער ,און אײער
שריפטל. מיר װעלן,הײ יאָר ארויסגעבן,בלויז 6 נומערן,
דערפאר,אָבער, װעט יעדער נומער זײן א פיל גרעסערער און
רײכערער אזוי ארום,אז מיר װעלן קאָמפּענסירט װערן ,און
מיר װעלן גאָר ניט פארלירן. שאפט אבאָנענטן פארן בולעטין,
שאפט פאר די פרעסע ײרינגען,און שרײבט ,פון
אײער געזעלשאפטלאכן,און אינדיװידועלן לעבן,פון אײך,
פאמיליע און פון אלע פרײנט. עס איז אײער בולעטין..
קריטיקירט, אויב איר װילט,זאָגט אונז אן...נאָר זײט
ניט שטיל..מיר װילן הערן פון אײך.. צום גוטן.!

אינהאלט פון הײנטיקן בולעטין..

צום נײעם יאָר זײט.1
קלײדער אקציע............... 5.
פּרויען גרופּע אין בּאראנקילא 6
יאסני ...יזכור אלמאנאך.... 7
אונזער לײבוש............ 10
דר.משה מערקין..די אלטע הײם 11
יצחק בּאָרענשטײן אן ענטפער פ.קאָסמאַן 14
לײבוש ....רײזע אײנדריקן.. 19
אברהם ראָכווערגער..בּאגריסט דעם בּולעטין 21
שאָלעק....קולטור און פּראָפּאגאנדע 23
ש.א. ....טראכטונגען... 30
טײערער חבר און פרײנט....... 32
שלמה בּרײנסקי..מאָנישעס טויט 34
קײלע לוקאָוויעצקי..בּאריכט פון בּאראנקילא 41
שאָלעק...בּיכער איבּערזיכט... 42
אסתר אלטמאן..אן ענטפער בּאָרענשטײן 50
ישראל זאנגוויל וועגן ײדיש..... 52
וועגן שטעטל..ײדישע ענציקלאָפּעדיע 53
מרדכי איש טוב...א יאָר טעטיקײט 51
אלבּערט אײנשטײן וועגן אנטיסעמיטיזם 56
א
אויפרוף צו אונזערע פרויען 57
לײבוש..אף דער שיף,קװין מערי... 58
פארשידנס...נאָטיצן אָ.אָ.וו......... 59 67

הײנטיקער נומער האָט 68 זײטלאך.

טײלווײזער מאטעריאל פארן קומענדן נומער..

שלמה בּרײנסקי....פראגמענט פון „וען סונדאמענטן
טרײסלן זיך.״
לײבוש....רײזע אײנדריקן פון פראנקרײך און ישראל.
שאָלעק.....קולטור און פּראָפּאגאנדע,3טער ארטיקל.
טראכטונגען.........דער פּראָצעס פון טראכטן און אײנשטײ
בּיכער איבּערזיכט..„דיאלאָג מיט דעם טויט״פון א.קעסטלע
און נאָך פיל אנדערע וויכטיקע ארטיקלען...
מפט לײענער פארן בּולעטין.

S "X" WEISS,
GRENSHAW STREET,
GO 24, ILLINOIS

URN POSTAGE GUARANTEED